# א חלום אויפן וועג

יאסל בירשטיין

ווען ראלידער איז אויף אן אמת אהיימגעקומען איז ער אוועקגעפאלן
א קראנקער אויפן בעט, אויסגעדרייט דאס פנים צו דער וואנט, אביסל
געוויינט און געשטארבן.

כ׳האב ראלידערן נאך געקאנט אין אויסטראליע ווו ער איז געהאט געקומען
איבערררעדן מענטשן זיי זאלן פארן קיין ישראל און מיר האט ער צוגערעדט
צו ווערן א חבר אין זיין קיבוץ ילון. ווען איך בין געקומען קיין ילון
האב איך פון מאל צו מאל געהערט זיין קול כאטש ראלידער גופא איז נאך
פארבליבן אין אויסטראליע. פון דארטן האט ער אהיימגעשיקט א פלאטע אין
וועלכער ער האט אריינגערעדט און זיין פרוי פלעגט די פלאטע אנשטעלן
אויפן פאטעפאן. ראלידערס פרוי האב איך ששש געטראפן דעם ערשטן טאג
ווען איך בין אנגעקומען קיין ילון. ס׳איז דעמאלט געווען ווינטער און
ס׳איז געהאט אנגעפאלן א געדיכטער שניי. צוליבששש דעם וואס אלץ איז
געווען פארשנייט און אויך ווייל די שטיבלעך אין קיבוץ זענען געווען
ענלעך איינס צום אנדערן, האב איך נישט דערקאנט דעם צימער אין וועלכן
איך האב אפגעלייגט מיינע זאכן, און ווען איך האב געפונען דעם צימער
האב איך דארט געטראפן א פרוי וואשן די פאדלאגע. איך האב נישט געוווסט

וועך זי איז און ווען נישט מיינע זאכן וואלט איך געמיינט אז איך האב ווידער פארבלאנדזשעט אין א פרעמדער שטוב אריין. איך בין געשטאנען אין דער טיר און געווארט זי זאל זיך אויסדרייען צו מיר מיטן פנים. אן איינגעבויגענע איז זי געגאנגען הינטערווייזלכעץ און ווען זי איז צוגעקומען צום קיבל וואסער אין מיטן צימער און זי האט איינגעטונקט דארט די שמאטע, צוריק ארויסגענומען און זיך אביסל אויסגעגלייכט, ערשט דעמאלט האט זי מיר געזאגט אז איר נאמען איז ברוריה און זי האט ווייטער געוואשן דעם דיל.

"ראלידערס פרוי?" האב איך געפרעגט.

זי האט א שמיר געטאן די שמאטע עטלעכע מאל איבער די פלאטן, געווארפן אויף מיר א זייטיקן בליק און ווייטער געטאן איר ארבעט. אבער צוזאמען מיט איר בליק האט זי אויך איבערגעחזרט איר נאמען. בין איך דעמאלט צוריק ארויס אין דרויסן און זיך אוועקגעשטעלט אונטער א דערבייאיק דעכל אפצווווארטן ביז מיין צימער וועט ווערן פריי. דערווייל האב איך געקוקט אויפן אנגעפאלענעם שניי. בלויז אויף די ביימער האבן זיך אנגעזען גרינע פלעקן. ׳ראלידערס פרוי?׳ האב איך נאך אמאל , קוקנדיק ארום זיך , געפרעגט זיך אליין, און געזען ווי א צווייג פון א נידעריקן פאלמע-בוים האט א ציטער געטאן אין ווינט און אראפגעשאטן פון זיך אביטל שניי. אויך ראלידערן האב איך געטראפן באלד דעם ערשטן טאג ווען ער איז אנגעקומען קיין אויסטראליע. מיר האבן זיך געטראפן אויף א יידישן בית-עולם בשעת א לוויה. ער איז געשטאנען אביסל אפגערוקט פון דעם קליינעם עולם באגלייטער און צוליב זיין בריטן קאפעלוש האב איך

אין אנהויב בעמיינט אז ער איז איינער פון די באגרעבער

און ער ווארט אז די צערעמאניע זאל זיך ענדיקן כדי אנצוגיין מיט זיין

ארבעט. אבער באלד איז ער צוגעקומען צו מיר און געוואלט וויסן

דעם ניפטרס נאמען. אויך איך בין געשטאנען אפגערוקט פון די פארזאמלטע

אבער נישט צוליב דוחק אין פלאץ ארום קבר. אן אנגעשטעלטער ביי קהל ,

איז מיין ארבעט באשטאנען פון פארשידענע קהלשה טועכצן, אויך גיין אויף

חתונות און באגלייטן לוויות. דעם איצטיקן פארשטארבענעם האב איך אביסל

געקאנט. ער איז געווען א פארקויפער פון בילעטן פאר דעם יידישן טעאטער

אין מעלבורן. ראלידער האט אוועק געשטעלט זיין הילצערנע וואליזע און

זיך צוגעבויגן נאענטער צו מיר צו הערן וואס איך זאג. איידער איך האב

אים געפרעגט ווער ער איז האט ער מיר געזאגט נאך וואס ער איז געקומען

קיין אויסטראליע, און אויפן וועג צוריק פון בית-עולם, מיר דערציילט,

ווי אזוי ער איז פארבלאנדזשעט געווארן אהער, אויף א יידישע

לווייה. א באקאנטער האט אים געדארפן אפווארטן ביים פארט און נישט

אפגעווארט. איר ער אוועק ווו יענער , א פראפעסאר, א בחור , האט געוווינט

א גאסט-הויז. אבער ער האט אים אין שטוב נישט געטראפן און די בעלהביתטע

אן אויסטראליערין, דערהערנדיק פון וואנען ראלידער איז נאר וואס געקומען,

האט זי א דערשראקענע פארקלאפט פאר אים די טיר. האט ער זיך אביסל

ארומגעדרייט אין ש/ דער שטילער גאס פון דער ווייטער פארשטאט און צום

סוף צוריק געפארן אין צענטער פון שטאט און זיך אוועק געשטעלט אויף א

הויפט-גאס זוכן א ייד. ער האט ארייגעקוקט פארבייגייער אין די אויגן

אריין און פון מאל צו מאל האט ער וועגן אפגעשטעלט און געפרעגט צי יענער איז א ייד. אבער אן הצלחה. ביז עמיצער האט אים אליין אפגעשטעלט און געפרעגט די זעלבע פראגע. ראלידער האט געזען פאר זיך א הויכן אויסטראליער און ווען ערהאט אים געזאגט אז ער איז א ייד און ער איז געקומען פון ישראל, האט דער אויסטראליער א גאס געטאן ראלידערן אונטערן ארעם, אים אראפגעפירט פון דער הויפט-גאס, אריין אין א הינטער-געסל, פון דארט אין א בירשענק און באשטעלט ביר. דער הויכער אויסטראליער האט פארגעשטעלט ראלידערן פאר אלעמען אין דער שענק און ראלידער האט געזוכט צווישן זיי א יידיש פנים. ער האט אפילו נישט געוווסט דעם שפיטסטאליערס נאמען פון אויסטראליער און ער וואלט עס קיין מאל נער נישט געוווסט ווען מיר וואלטן נישט נאך אמאל געטראפן דעם אויסטראליער אין דער זעלבער שענק. וואכן שפעטער איז אונדז אויסגעקומען פארביי צו גיין דאס ארט האבן מיר דארטן אריינגעקוקט און אים געטראפן. נעד מאלעט איז געווען זיין נאמען. דאס מאל האט נעד זיך נישט געהיצט נאר געשטאנען א שטילער , געטרונקען/ דאס ביר און געשוויגן. אויך ראלידער האט געטאן דאס זעלבע. אזוי האבן זיי זיצנדיק צוזאמען לעבן טישל אפגעשוויגן בערך א שעה און זיך געווארן חברים. ראלידער האט אפילו שפעטער צוגערעדט נעדן ער זאל פארלאזן אויסטראליע און ווערן א חבר אין זיין קיבוץ ילון. נעד קעש פאלעט האט געוווסט וואס שמש עס איז אזוינס א קיבוץ ווייל אין די טעג פון דער מלחמה איז ער געווען אין ישראל און ס'איז אים אפילו אויסגעקומען צו ארבעטן אין א קיבוץ . דערפאר האט ער זיך דערפרייט מיט ראלידערן ווער ערהאט געהערט אז ער איז געקומען פון ישראל און ער האט אים

אריינגעפירט אין שענק אריין טרינקען ביר. אבער ראלידער האט דעמאלט געזוכט א ייד און ווען נעד שאלעט איז אריין איף א ווייל אין קלאזעט אריין, האט ער א נעם געטאן זיין וואליזע און זיך אפגעטראגן פון שענק. ער איז ארויף אויף א טראמוויי און נאך א מאל געפארן צו זיין פריינט דעם פראפעסאר מארצין גאלדמאן. אויפן וועג האט ראלידער געזען אז ער פארט לענג אויס א בית-עולם און א קעסטל מיט א מגן דוד איז פארביי, איז ער אראפ פון טראמוויי, ארויף אויפן בית עולם און געטראפן א יידישע לוויה.

כדי צו הערן בעסער דעם הספד האבן מיר זיך ביידע צוגעשטעלט עטלעכע טריט נאענטער צום קבר. אן עלטערער אקטיאר האט דערציילט אז דער פארשטארבענער האט זייער ליב געהאט דאס יידישע טעאטער און אז נאך פינף און צוואנציק יאר טארקויפן בילעטן האט מען אים געפייערט א יובל און אים געשאנקען א מעדאל - א בילעט פון גאלד. נאך דעם האט דער זון פון פארשטארבענעם געזאגט קדיש. ער האט נישט געקאנט די ווערטער און דער אלטער רב, געבויגן און האלב-בלינד, האט איבערגעחזרט מיטן זון ווארט נאך ווארט:

" יתגדל - יתגדל , יתקדש - יתקדש."

צוריק פון בית-עולם זענען מיר אפגעטראטן ביי מיין זיידן דעם שניידער ער זאל איבערמאכן ראלידערס ספארטאווע הויזן. הויזן פון אזא
ד
שניט האט מען אין אויסטראליע נישט געזען און זיי האבן זיך צו פיל געווארפן אין די אויגן. אויפן וועג האט אונדז אפילו אפגעשטעלט וועגן דעם א פאליציאנט. ווען איך האב דעם זיידן דערציילט וואס דער

פאליציאנט האט געזאגט האט ער געהאלטן אז יענער איז גערעכט געווען און נאך צוגעגעבן אז דא אין אויסטראליע טראגן אזעלכע הויזן נאר לייט פון דער אונטערוועלט, [illegible] אלפאנסן. ער האט זיך אויך ניסט געחידושט וואס דעם פראפעסארס בעלהביתטע האט פארקלאפט פאר ראלידערן די טיר און ניסט געלאזן אים דארטן אפלייבן זיין וואליזע, ווייל מיט אזעלכע הויזן און מיט אזעלכע וואליזקעס, האט דער זיידע געמיינט , קומט מען אונטער- לייגן באמבעס אין די הייזער. קיין אנדערע הויזן האט ראלידער ניסט געהאט שקסעהש און דער זיידע האט געזוכט פאר אים א פאר פשוטע הויזן. דערווייל האט די באבע געגעבן ראלידערן צו עסן. זי איז געווען צופרידן וואס ראלידער איז געקומען קיין אויסטראליע צורעדן מענטשן זיי זאלן פארן קיין ששהסט ארץ ישראל. זי אליין איז גרייט געווען צו פארן אהין יעדן טאג. אויך דער זיידע. סיי ווי איז ער געווען אמאל א וועלט-פארער און ער איז שוין איין מאל געווען אין ארץ ישראל און ביים בארג-סיני איזער געשטאנען צוויי מאל. דאס ערשטע מאל , אויפן וועג פון ביאלע- פאדליאסק קיין אויסטראליע און דאס צווייטע מאל - אויפן וועג צוריק. אבער ביידע מאל האט ער זיך לאנג ביים בארג סיני ניסט פארהאלטן; צוגעקומען, א קוק בעטאן און ווייטער געפארן. דער זיידע האט געפונען פאר ראלידערן א פאר פשוטע הויזן, ראלידער האט בעדונגען ביי זיי א צימער אויף צו וווינען און ער האט אנגעהויבן צורעדן מענטשן זיי זאלן פארן קיין ישראל.

ער איז געבליבן דארט וווינען אויך נאך דעם ווי איך בין אוועקגעפארן פון אויסטראליע און געקומען קיין ילון. ער האט געשריבן וועגן דעם

אין זיינע בריוו. ברוריה האט זיי געזאמלט פארצויגן אויף א שנוראוואדלע
מיט צוויי עקן און פארבונדן פון אויבן מיט א שלייף. זי האט
מיר געוויזן דאס פעקל בריוו און אויך אמאל אנגעשטעלט די פלאטע מיט
ראלידערס קול , נאך דעם ווי איך האב אנגעהויבן אריינקומען צו איר אין
שטוב אריין. נאר ס'איז געשען נאך א לענגערע צייט. דעמאלט, דעם ערשטן
ווינטער-טאג, נאך דעם ווי זי האט געהאט פארענדיקט וואשן די
פאדלאגע אין מיין צימער און זי איז ארויסגעקומען אין דרויסן און
מיר פארבייגעגאנגען , ווו איך בין געשטאנען אונטערן דעכל און געקוקט
אויף די פעלדער שניי, האט זי מיך נישט געזען. זי האט געקוקט אויף מיר
און מיך נישט געזען. איך האב נאכגעקוקט ווי זי גייט מיטן שמאלן
טראטואר וואס איז שוין געווען צוביסלעך ארויסגעטראטן און זיך געצויגן
נידעריקער פארן אנגעפאלענעם שניי אויף ביידע זייטן
וועג, ביז זי איז פארשוואונדן געווארן צווישן די הייזלעך וואס זענען
געשטאנען פאר מיר פרעמד און פארשנייט. מער איז ברוריה נישט געקומען
וואשן מיין פאדלאגע. ביז דער שניי איז צעגאנגען האב איך אנגעהויבן
דערקאנען מיין וועג צווישן די שטיבלעך. איך האב זיך אנגעהויבן צו-
געוווינען צו ילון און ווי יעדער איינער דארט בין איך אויך געגאנגען
דריי מאל אין טאג עסן אין חדר-האוכל. אבער ברוריהן האבן
האב איך נישט געטראפן. ערשט א פרייטיק צו נאכט, ווען די טישן אין
חדר-האוכל זענען געווען שבתדיק געגרייט, ווייסע טישטעכער און בלומען,
האבן מיר זיך דארטן באגעגנט. אין ערשטן אויגן בליק האב איך איר

גארנישט דערקאנט ווייל אויך זי איז געווען שבתדיק געקליידט. דעמאלס,
אינעם שנייטאג, איז זי געווען איינגעהילט אין ווינטערדיקע מלבושים;
א צעריסענעם מאנטל ביז איבערן קאפ, הויכע גומענע שטיוול און די
פארשמוצטע אין די כאלעוועס. צוריק געצויגן און אפגעזונדערט איז זי
מיר דעמאלט פארבייגעגאנגען מיט א שווייגן ווי פון א קלויסטער. איצט
איז זי געווען געקליידט אין פאסאן פון די חלוצישע צייטן און איר
האר אויפן קאפ פארקעמט אין א קרוין. דאס מאל האט זי מיך אפגעשטעלט
און געוואלט וויסן ווי אזוי איך האב זיך איינגעארדנט אין ילון און
צי איך האב שוין אנגעהויבן ערגעץ ווו ארבעטן. זי האט
מיר געזען שטיין אויף א שפייכלער, האט זי געזאגט, שארן מיט א לאנגע
גראבליע דעם שניי פון דאך. דאס האב איך געטאן די ערשטע טעג. דארט
האט מיר א בחור דערציילט אז ראלידער און ברוריה זענען געקומען קיין
ילון בלויז מיט עטלעכע יאר צוריק. זיי האבן געלעבט פארמעגלעך אין
שטאט און זיי האבן אלץ פארקויפט און געבראכט דאס געלט אין קיבוץ
אריין. אמאל ווען זיי זענען / יונג געווען האבן זיי ביידע געלעבט
אין ילון און צום סוף זענען זיי צוריק געקומען. נישט אלע האבן געוווסט
פארוואס זיי האבן עס געטאן. ער – יא. ער האט מיר געזאגט אז זיין
נאמען איז שלמה בעלפער און אז ער האט געקאנט ברוריהן און ראלידערן
נאך פון די טעג ווען זיי זענען געווען גאר יונג, נאך פאר זייער
חתונה. נאכן שארן דעם שניי האט מיך שלמה גענומען אין חדר-האוכל און
דארט האבן מיר צוזאמען געטרונקען טיי און צוגעביסן ברויט מיט
פאווידלע. אויפן וועג אין חדר-האוכל האב איך געזען אז ער האט

א שטיפן פוס. דארטן אויפן דאך ,שארנדיק דעם שניי האב איך עס נישט
באמערקט. טרינקענדיק דעם טיי האט שלמה בעלפער געוואלט וויסן צי
ראלידער האט מיך טאקע געשיקט אהער פון אויסטראליע און ער האט געוואלט
איך זאל אים זאגן צי ראלידער וועט נאך צוריק קומען קיין ילון אדער
ער וועט שוין דארטן פארבלייבן. אליין האט שלמה בעלפער געשטעלט
פינטעלעך אין זיינע רייד און מיר געזאגט אז ווען ער וואלט געהאט
געלט וואלט ער געטאן דאס פארקערטע וואס ראלידער און ברוריה האבן
געטאן און אנשטאט אין א קיבוץ וואלט ער געגאנגען אין א דארף אויפשטעלן
אן אייגענע ווירטשאפט. ער האט געהאט אויפזיכטן ס'זאל איינגיבן
געשען מחמת ער האט געהאפט צו באקומען אביסל געלט פון זיין אלטן טאטן.
ווען איך האב ברוריהן דערציילט מיט וועמען איך האב געשארט דעם שניי
פון די דעכער,האט זי מיר מיט איר בליק אנגעוויזן אויף אים. ער איז
געשטאנען אין חדר-האוכל לעבן אריינ-
גאנג, אויסגעדרייט צו אונדז מיט דער פלייצע און געלייענט א רשימה
אויף דער וואנט. עטלעכע בחורים און מיידלעך זענען געשטאנען
לעבן אים און זיי האבן צוזאמען פריילעך געלאכט. ער האט אונדז נישט
געזען און איך האב אים געוואלט א רוף טאן ער זאל עסן מיט אונדז
צוזאמען נאר ברוריה האט מיך פארהאלטן. זי איז געגאנגען צווישן די
רייען טישן זוכנדיק א פלאץ פאר אונדז ביידן. א סך מענטשן זענען שוין
געזעסן ביי די טישן . ברוריה איז זיי פארבייגעגאנגען און זיך מיט
קיינעם פון זיי נישט באגריסט. זי איז געגאנגען ווי זי וואלט קיינעם
פון זיי נישט געזען אדער ווי זי וואלט זיי אינגאנצן נישט געקאנט.

איך האב שוין יא אנגעהויבן אונטערשיידן א פנים פון
א פנים און טייל מענטשן האבן איך שוין געקאנט. צו מאל האט זיך מיר
אויסגעדאכט אז איך קאן שוין וועמען פון לאנג. ווייל ראלידער האט
דערציילט געשיכטעס פון דעם אדער א צווייטן אין ילון, נאך ווען איך
בין געוועזן אין אויסטראליע. בעתן שרייבן זיינע בריוו, ביים זיידן
אין שטוב, פלעגט ער מאכן א הפסקה און דערציילן עפעס פון ילון אדער
איבערלייענען א זייטל פון דעם וואס ער'האט געשריבן צו ברוריה. ער האט
איר געשריבן וועגן מיין זיידן און די באבען, וועגן נעד פאלעט
דעם אויסטראליער וואס נאך דער מלחמה איז ער אוועק זוכן גאלד און
כאפן שלאנגען. וועגן ביל ניומאן מיט וועלכן פרעד האט אים
באקענט א פויער אין א פארווארפן דערפל וואס אין דער צייט פון דער
מלחמה איז ער געוויר געווארן אז ער איז א ייד און וואס ער'האט נאך
דעם געטאן. אויך וועגן גארטונען האט איר ראלידער געשריבן.
פיטער גארטון, דער בחור פון ענגלאנד, איינער פון די משרתים אין קהל-
הויז ווו איך בין געווען אן אנגעשטעלטער. דער פיטער גארטון
איז געווען א שיכור און ראלידער האט אים איבער געדעדט ער זאל פארן
קיין ישראל. אויך פאר די שכנים וואס זענען אין אנהויב ארייננעקומען
אים אפגעבן שלום-עליכם האט ראלידער געהאט פאר זיי איין מחשבה, אז עס
איז שוין צייט זיי זאלן אלע פארן אהיים. איינער פון די שכנים האט
דעמאלט ארויסגענומען א פאטפארט און אים געוויזן אז ער פארט שוין
טאקע אהיים. דאס האט ער געהאלטן דעם פאספארט גרייט שוין א לענגערע
צייט כדי אויב עס וועט זיך מאכן און ער וועט באשליסן צו פארן זאל נישט

זיין קיין אוהאלט. אי־געגנטלעך איז ער בעקומען פון ארץ ישראל. ער און
זיין פרוי, פון ראשון־לציון. געקומען זענען זיי מיט א פלאן צו פאר-
בלייבן א יאר אדער צוויי, מאכן אביסל געלט און גלייך צוריק פארן. אבער
אלע מאל ווען זיי זענען שוין גרייט געווען צו פארן צוריק אהיים האט
זיך געמאכט אן אנדערער אפהאלט. און כאטש דער ענין האט זיך פארשלעפט
האבן זיי דעם רעיון ~~שששששש~~ אהיים צו פארן נישט אויפגעגעבן. דערפאר
האט ער זיך אלע יארן ~~שקששששששששלזעששף~~ אויפגעפירט אין אויסטראליע
ווי א ייד פון ישראל געקומען אויף א ווייל. אפגעהיטן בלויז איין טאג
די יום־טובים פסח, שבועות און סוכות און אויך זיין נאמען נישט געביטן.
בצלאל בצלאל. דער צווייטער בצלאל ,דער פאמיליע נאמען. דער ערשטער
אויף אשכנזיש - דער צווייטער אויף ספרדיש מיטן טראף אויפן לעצטן זילב.
דער בצלאל בצלאל האט שפעטער, ווען ביי ראלידערן איז אויסגעגאנגען דאס
ביסל געלט וואס ער האט געבראכט מיט זיך, געזארגט ער זאל האבן פון
וואס צו לעבן. מחמת ראלידער איז נישט געווען קיין שליח פון א קיבוץ
אדער פון א פארטיי. ער איז געקומען קיין אויסטראליע אויף זיין
אייגענעם חשבון. דאס געלט וואס ער האט אפגענומען פון פארקויפטן
פארמעגן האבן זיי אפגעגעבן דעם קיבוץ. אבער ס'איז פארבליבן אן אלטער
חוב און ווען ראלידער האט איס אפגענומען האט ער מיט דעם געדעקט די
הוצאות קיין אויסטראליע. בצלאל בצלאל האט געזארגט אז ראלידער זאל
האבן פון וואס צו לעבן. ער איז געווען זייער א רייכער מאן און ער
האט זיך באוויזן פאר ראלידערן מיט זיין רייכן פארמעגן אבער נישט

מיט קיין פריילעך געסט האט ער עס געטאן. ער האט אים אויך פארגעשטעלט

פאר זיין פרוי – גינא, הויך און בלאנד און בלינד. גינא האט געטראגן

גרויסע, טונקעלע ברילן און זי האט גערעדט זייער שטיל. מען האט

כמעט נישט געהערט וואס זי זאגט.ווי צוזאמען מיט דער בלינדקייט וואלט

זיך אפגעטאן פון איר אויך דער חוש פאר שטח און דיסטאנץ. צוליב איר

קראנקייט זענען זיי נישט צוריק געפארן קיין ישראל. גינא ששששששש

בצלאל האט נישט געוואלט מען זאל אין ראשון-לציון טייטלען אויף איר

מיט די פינגער און זאגן אז זי איז אוועקגעפארן פון דארטן יונג און

שיין און צוריק געקומען אלט און בלינד. אבער דעם רעיון שששש צוריק

צו פארן האבן זיי נישט אויפגעגעבן. זיי האבן געווארט זי זאל צוריק

געזונט ווערן און נאך דעם וועלן זיי גלייך צוריק פארן. ראלידער

איז געווארן אן אינזשענער אין דער רייכער שטוב אריין. עטלעכע שעה אין

דער וואך האט ער געלערנט מיט זייער איינינקל אלף-בית און העברעישע

פסוקים און פאר דעם האט אים בצלאל בצאלט שכירות , כדי ער זאל

האבן צייט זיך אפצוגעבן מיט זיין שליחות און צורעדן שששש וואס מער

יידן צו פארן קיין ישראל. ראלידער האט אויך צוגערעדט נעד פאלעט

דעם אויסטראליער ער זאל פארן קיין ישראל. זינט זיי זענען זיך געווארן

חברים איז פרעד געווארן אן אינזשעניער צו דער באבען אין שטוב אריין.

אויף א סך מאל דארט געגעסן און איבערגענעכטיקט. נעד פאלעט האט נישט

געהאט קיין היים. ווייט אוועק, אין א פארווארפן שטעטל פון אויסטראליע,

האט ער יא געהאט א פרוי און א טאכטער אבער נאך דער מלחמה ווען ער איז

געקומען צו זיי אהיים האט ער מער נישט געקאנט איינזיצן דארט אויך

אין ארט. איין מאל צום עסן האט ער זיי געזאגט אז מען מוז נישט זיצן

קארעקט ביים טיש און אפהיטן אלע מאניערן , מען קאן אויך עסן אויף דער

פאדלאגע אז מען וויל און אויך אונטערן טיש. ווייב און טאכטער האבן

דעמאלט געלאכט פון דעם. זיי האבן אויפגעהערט לאכן ווען נעד האט

גענומען זיין טעלער און זיך אוועק געזעצט עסן אונטערן טיש. נאך דעם

האט ער געזאגט אז מען קאן אין מיטן דערינען איבערלאזן אלץ און אלעמען

און גיין צום ברעג זוכן ים-שטערנס. ער האט אזוי געטאן און נאך דעם איז

ער אוועק ווייטער. ער איז אוועק אין די סיפענישן פון אויסטראליע לעבן

צווישן די ווילדע אבארידזשיני שבטים. וואכן און חדשים איז א פארוואָרפענ

ווינארט

פאר-און-שטאָט-סטאציע אדער מיסיאָן געווארן זיין אויפענטהאלט. צווישן בוש

און סטאציע פלעגט ער זיך אראפכאפן אין די גרויסע שטעט סידניי און

מעלבורן כדי אויפצו זוכן זיינע פריינט און זיך באקלאגן פאר זיי אויף

דעם אומגליקליכן מצב פון דער וועלט. אין אזא צווישן-צייט האט ער אנגעטר

ראלידער ן שטעט אויף א הויפט-גאס אין מעלבורן זוכן א ייד און ער האט

אים אריינגעפירט אין א שענק אריין טרינקען ביר. בייי דער צווייטער

באגעגעניש האט אים שוין ראלידער אהיימגעפירט צו דער באבען. דארט האט

ער זיך פארהאלטן עטלעכע טעג און דערציילט מעשיות פון ישראל. ווי אזוי

ער האט אמאל געוואשן כלים אין א קיבוצישע קיך און געטרונקען דארט רויטן

בארשט. און ווי אזוי ער האט געהאלפן אן ארעמען אראבער אויפשטעלן א שטיבל

פון ליים. דער אראבער איז געווען אזוי אזוי דערפרייט אז ער האט געגעבן

פארמאגט א חוץ א מאנטל פון וואל וואס ער האט אליין אויסגעשטריקט. דאס

וואל האט ער אראפגעצופט פון שעפסן. דער אראבער איז נאכגעגאנגען סטאדעס שעפסן אויף די פעלדער, א צופ געטאן א קנופ וואל פון א שעפס דא, פון א שעפס דארט, און געוויקלט פאר זיך א מאנטל אויף צו פארדעקן דאס לייב.

דעם זיידן זענען נעד פאלעטס מעשיות געפעלן געווארן . ניסט דער באבען. זי האט זיי אויסגעהערט מיט א פארקרומטער נאז. פון דעסטוועגן האט זי ניסט געמיינערט פאר נעדן אן אנבייסן אדער א געלעגער. כאטש זי פאט עס געטאן מיט פארדראס און זיך אליין פארגעווארפן וואס זי טוט עס. ווייל זי האט געהאלטן אז נעד'ס פלאץ דארף זיין ביי זיין ווייב און טאכטער און ניסט וואלגערן זיך אין דער פרעמד אדער גאר פארן קיין ישראל ווי קאלידער האט אים צוגערעדט צו טאן. מעגער וואס האבן געריידט איבער דער וועלט און איבערגעלאזט ווייב און קינדער אין דער היים, האבן איר דערמאנט אן איר אייגן פארגאנגען לעבן. א האלב לעבן איז דער זיידע געווען אוועק איבער דער וועלט און זי איז געבליבן אין דערהיים ווארטן ער זאל צוריק קומען. געווארט און געווארט. אפילו אין דער וואכן דעם שבתדיקן טישטעך און די לייכטער פון טיש ששש ניסט אראפגענומען. מחמת אז ווען דער זיידע איז געווען אוועק פון דער היים איז אויך אין דער וואכן געווען שבת ביי דער באבען אין סטוב. ששש פון דערוועטנס [illegible] האט זי פארשטאנען דאס הארץ פון נעד פאלעטס ווייב און געוואלט ער זאל פארן צו זיי אהיים. ראלידער האט שששששששששש נעדן געבראכט אוין צו בצלאל בצלאלן אין שטוב אריין. דארט האט נעד דערציילט נינא בצלאל אז ער איז אויך אמאל בלינד געווען און געו צוריק זעעוודיק. ער האט דערציילט אז ווען ער איז נאך געוועז א

בחור און ער האט אנגעהויבן בלינד ווערן, האט ער דעמאלט באשלאסן זיך

נעמען דאס לעבן. ווען ס'איז געקומען א טאג און ער האט שוין במעט

פאס

נישט געזען, חוץ דעם ווייס אויף דער הויפט-גאס אין מעלבורן וואס האט

אפגעטיילט דעם פארקער צווישן רעכטס און לינקס, איז ער געגאנגען מיט

אט דעם פאס ביז צו דער הויכער קאטעדראלע מיט דער כוונה זיך

אראפצווארפן פון דעם הויכן טורעם-שפיץ. אבער ביים ארייגאנג האט ער

זיך אנגעטראפן אויף אן אויגן-דאקטאר. יענער איז געווען זייער א

פיינער מענטש און נאכן אויסהערן נעדס געשיכטע האט ער אים אהיימגענומען,

אים געגעבן צו עסן און צו שלאפן און אים אויסגעהיילט די אויגן. נעד

האט געדענקט דעם נאמען, דאקטאר א-דיי, אבער דעם

אדרעס האט ער שוין געהאט פארגעסן און ער האט צוגעזאגט נינא בצלאל

אויף צו זוכן דעם דאקטאר און זי נעמען צו אים כדי ער זאל אויך איר

אויסהיילן די אויגן. אבער נינא בצלאל איז נישט געווען דערשלאגן אין

איר בלינדקייט אזוי ווי איר מאן איז זי געווען א האפערדיקער מענטש

און זייער אפט אין אן אויפגעלעבט געמיט. איידער זי איז בלינד געווארן,

איז זי געווען א ברוינע אויפטוערין און געווען פארנומען אין פארשידענע

הילפס

געזעלשאפטן און פרויען-ארגאניזאציעס. נאך דעם האט זי אלץ אויפגעגעבן

אבער מענטשן האבן נישט אויפגעהערט קומען צו איר אין שטוב אריין.

ראלידער האט דארט געטראפן דעם אלטן רב. דעם וועלכן ער האט געזען

נתן אורבאך

צום ערשטן מאל אויפן בית-עולם בעת די לוויה פון דעם בילעסן-פארקוי-

פער פארן יידישן טעאטער. ער האט דארט אויך געטראפן דעם אקטיאר וואס האט

געשאכט דעם הספד אויפן קבר. און אויך דעם פראפעסאר מארצין גאלדמאן,

זיין פריינט פון ישראל האט ער דארטן געטראפן. בצלאל בצלאל פלעגט עטלעכע מאל אין דער וואך ברענגען דעם אלטן רב צו זיך אין שטוב אריין ער זאל זיצן און לערנען א שיעור גמרא אדער מדרש ווי ער וואלט עס געטאן פאר זיך אליין אין זיין לערן-שטיבל. בצלאל בצלאל האט אים געצאלט שפע דערצאר סבירות. נינא בצלאל פלעגט זיצן אין אנדערן צימער און זיך צוהערן פון איבער דער וואנט צום ניגון פונעם לערנען. אליין האט זי געשטאמט פון זייערס א פרומע שטוב און זינט זי איז בלינד געווארן און אויפגעגעבן די דרויסנדיקעטעטט וועלט, איז זי צוריק געקומען צו די טעג פון שששששששט איר א מאל וואס זי האט געדענקט און געזען. זינט זי איז אוועק פון דער פרומער שטוב און ארויס לויט זייער דעה אויף תרבות-רעה, האט מען אין דער משפחה געווארט אויף איר זי זאל זיך אומקערן. אציגד אז זי איז בלינד געווארן , האט זי עס געטאן. זי האט נאך א מאל געוואלט הערן דאס קול פון איר טאטן , דעם דיין, ווי ער זיצט און ער לערנט. זי האט עס געהערט איבער דער וואנט אינעם קול פונעם אלטן רב.

אויך דעם יידישן אקטיאר פלעגט בצלאל בצאלן ער זאל קטמטק קומען פארלייענען לידער און מעשיות פון די נייע ביכער אין יידיש און שפילן פאר נינא טעאטער. עטלעכע מאל אין חודש פלעגט ער קומען צו נינא בצלאל מיט זיין קעסטעלע גרימיר-פארבן פארלייענען און שפילן טעאטער. אויב דער פראגראם איז באשטאנען פון בלויז פארלייענען און דעקלאמירן, האט ער זיך דעמאלט ניטט גרימירט נאר ער פלעגט גלייך קומען אויסגעשטאנ אין א פראק, א שניפס, בלאנקע מאנקעטן מיט ספינקעס און בלויז די האר פארקעמט מיט בריליאנטין און די אויגן עטוואס אונטערגעפארבט זיי זאלן

זיך שארפער אנזען און אזוי פלעגט ער דעקלאמירן פאר נינא בצלאל מיטן זעלבן פארנעם ווי ער פלעגט עס טאן אויף דער בינע פאר א זאל מיט קהל. ס'האט נישט אויסגעמאכט וואס דא איז דער זאל געווען א פריוואטע שטוב און דאס קהל – בלויז איין בלינדע שטם צוהערערין.

אויך אויפן בית-עולם, ביי'ם קבר פון בילעטן-פארקויפער האט דער אקטיאר דעקלאמירט זיין הספד, ווי ער וואלט געשטאנען אויף א בינע און נישט אויף א בערגל ערד. ער האט דעמאלט גערופן דעם ניפטרס נאמען און דערציילט ווי אזוי איין מאל ערב די פרעמיערע פון א טעאטער-שטיק, איז נתן אורבאך קראנק געווארן און כאטש מען האט דעמאלט געפונען א צווייטן וואס זאל פארקויפן בילעטן, איז דער זאל געשטאנען ליידיק. מחמת נאר ביי נתן אורבאכן האבן די יידן אין אויסטראליע האלט געהאט צו קויפן בילעטן, ווייל נאר ער האט געוווסט וואס יעדער איינער פון זיי פארלאנגט און אויף סטעלקס וועלכע פלעצער זיי זענען צוגעוווינט צו זיצן. און ווען זיי האבן געקלינגען אויף צו באשטעלן בילעטן און מען האט זיי געזאגט אז נתן אורבאך איז קראנק האבן זיי קיין בילעטן נישט באשטעלט און אין טעאטער נישט געקומען.

כל זמן נתן אורבאך איז קראנק געווען איז מען אין טעאטער נישט געגאנגען. זענען די אקטיארן געזעסן לעבן נתן אורבאכס בעט און געווארט ער זאל געזונט ווערן. ער אליין, האט דעמאלט געבראכט צו נתן אורבאכן א בארימטן דאקטאר און ווי נאר די היץ איז אפגעפאלן איז ער גלייך בעלאפן אין דער רעדאקציע פון דער יידישער וואכן-צייטונג

20-- 18

און אריינגעשטעלט דארטן אן אנאנס אויף שבת:

יידן קומט אין טעאטער

נתן אורבאך איז געזונט

געווארן.

און דער זאל איז צוריק געווארן פול.

דעם אלטן רב זענען נישט געפעלן געווארן אזעלכע רייד ביי אן

אפענעם קבר און ער האט דעמאלט איגנאירט דעם הספד אנגעהויבן זינגען

דעם אלטן אל מלא רחמים.

נאך דער לוויה, אויפן וועג צוריק פון בית עולם, האט ראלידער

דעמאלט געוואלט נאך א מאל צופארן צו זיין פריינט פראפעסאר מארצין

גאלדמאן, און איך זאל אים באגלייטן. מיר זענען דעמאלט בעגאנגען לענג

אויס דעם שיינעם בית-עולם און אויף דער צווייטער זייט פון דער גאס

זענען אויך די שטיבער געווען קליין און שטיל און ארומגעהילט מיט

גרינס. ראלידער האט מיר דעמאלט דערציילט אז אויך אין ישואל האט ער

א לענגערע צייט געלעבט אין א בארגיק שטעטל מיט אזעלכע שטילע גאסן.

ס'איז געווען נאך דעם ווי ער איז געהאט אוועק פון קיבוץ און געווארן

א סוחר פון מעבל. דארטן אין דעם שטעטל האט ער זיך געטראפן מיט מארצין

גאלדמאן ווען יענער איז געקומען זיך באזעצן אין לאנד. נאר דעמאלט

איז פראפעסאר ~~ששששששששש~~ מארצין גאלדמאנען

נישט בעלונגען זיך איינצובירגערן אין לאנד און ער איז צוריק געפארן קיין אויסטראליע כדי נאך א מאל עולה צו זיין קיין ישראל. דא אין אין אויסטראליע איז מארצין גאלדמאן נישט געווען קיין פראפעסאר נאר א סוחר פון וואל. ער האט אנגעשריבן א בוך וועגן וואל און געפלאנט צו שרייבן א בוך וועגן מארסעל פרוסט. דאס בוך וועגן וואל האט ער געשריבן אין אויסטראליע, דאס בוך וועגן מארסעל פרוסט האט ער געוואלט שרייבן אין ישראל. מיט דער כוונה איז ער עולה געווען און זיך באזעצט אין דעם בארגיקן שטעטל ווו ראלידער האט געוווינט, און נישט אין דער גרויסער שטאט, כדי די רויסנדיקע אטראקציעס פון דער וועלט זאלן אים נישט שטערן אין זיין [illegible] רוחניותדיקע ארבעט, שרייבן און לערנען. דאס איז געווען זיין חלום פון אלע יארן. יינגלווייז אין פוילן, און אין דייטשלאנד ווי ער האט שטודירט אלט-פראנצויזישע שפראכן, און אויך אין אויסטראליע ווי ער איז פארוואגלט געווארן און געווען געצווינגען צו לעבן פון מיסחר, זיצן אין ציון און זיין אריינגעטאן אין תורה. אייגענטלעך איז זיין גאנצער מסחר נישט געווען קיין צוועק פאר זיך אליין נאר א מיטל בלויז, אן אויסרייד, אנצוזאמלען געגוג געלט אוןווארטן די צייט זאל קומען ער זאל קענען זיצן אין ישראל אן זארג פון פרנסה און זיך אריינטאן אין גייסטיקע ענינים און לערנען מיט חשק. אבער ווען דאס געלט איז געווען, די צייט איז געקומען און ער איז עולה געווען קיין ישראל, איז זיין חשק צום.

לערנען פארלוירן געגאנגען. אן עלטערער בחור מיט א ווייך פנים,
איינגעבעטן אין א נאך ווייכערן גוידער און מיט א קנייטש פון א ישיבה-
בחור, פלעגט ער ביי די ראלידערס אין שטוב רעדן א סך און מיט אימפעט
און זיך אפילו דערגרעדן צו דעם אז עס איז נישטא קיין טויט אויף דער
וועלט. אז עס איז בלויז א געוווינשאפט אזוי צו מיינען און אז מען קאן
זיך פון דעם אפגעוווינען. דאס איז געווען איינער פון די עיקר-געדאנקען
אין זיין בוך וואס ער האט געטראכט צו שרייבן וועגן מארסעל פרוסט.
מארצין גאלדמאן האט געארבעט אויף זיך אין דער ריכטונג, זיך אפגע-
וווינען פון א סך איינגעשאפטן נאר דא אין ישראל האט ער נישט/געהאט
צו דעם קיין מזל. געשען איז גאר פארקערט. ער האט זיך דעמאלט פארטרויט
פאר ראלידערן  אז אין אויסטראליע איז אים קיין מאל נישט איינגעפאלן
צו טראכטן אז דא אין ישראל וועט ער ליידן צוליב אזא קלייניקייט ווי
ס'איז שטשעטשט טואלעט-פאפיר. דארט אין אויסטראליע האט ער גענוצט
זייער אן איידעלען סארט און דא אין ישראל איז עס נישט געווען צו
באקומען. גאלדמאן האט אויך געליטן פון אנדערע געוווינשאפטן. עסן.
דער טיש האט געדארפט זיין טיש. שיין געגרייט און די באדינונג פיין
און איידל. אלע מאל א ניי מאכל. מיט טעם. אז ער האט זיך צוגעזעצט
צו זיין איינגענעם טיש צום בינדן א רעיון מיט א רעיון וועגן מארסעל
פרוסט, האט ער זיך געכאפט מאכן חשבונות וועגן זיינע טעגלעכע הוצאות.
אנשטאט א געדאנק האט ער פארגליכן די הוצאות מיט זיין איינקונפט און
געחשבונט די צינזן וואס דאס אנגעקליבענע קאפיטאל האט אים ארייגעבראכט.

אין אויסטראליע האט ער זיך גארנישט אפגעגעבן אזוי פיל מיט מאכן חשבונות, דא האט ער זיך געכאפט מאכן חשבונות אויך וועגן זיינע פארבאנגענע הוצאות אין אויסטראליע כדי זיי צו פארגלייכן מיט זיינע אויסגאבן אין ישראל. אז דאס זאל מיט אים געשען אין ישראל , האט ער זיך נישט געריכט און ביי די ראלידערס אין שטוב האט ער זיך באקלאגט אויף דעם, אויך אפגעלאכט פון זיינע אייגענע שוואכקייטן און מרמז געווען אן השערה אז אפשר פון אריבן אין הימל שטערט מען אים און מען לייגט אים שוועריקייטן אויפן וועג. אז מען לייגט פאר אים מיכשולים אויפן וועג און מען לאזט אים נישט אריין אין די היכלען פון קדושה. ששע אנדערש איז אים שווער געווען צו דערקלערן דעם פאקט וואס אין אויסטראליע ; וו ער איז אלע יארן געווען א סוחר, איז ער געווען אויסגעהונגערט נאך א שעה פון תורה, און דא אין לאנד/ פון תורה, ווו ער איז מער נישט קיין סוחר, האט זיך אים די גאנצע צייט געטראכט וועגן געלט. אויך פרויען. אמאל איז עס נישט געווען קיין ענין. דא האט ער זיך פארליבט אין א פעטלעך מידל אן א חאלדז. דאס מידל האט געארבעט אין דער באנק ווו ער האט געהאלטן זיין געלט. אהין פלעגט ער קומען זיך בעראטן וואס צו טאן מיט זיין אפגעשפארט שטלשט מזומן ס'זאל פון דעם נישט געמינערט ווערן און ער זאל פון די ציגזן האבן גענוג אויף צו לעבן. דארט אין דער באנק האט דער פארוואלטער פון דער אפטיילונג, אקציעס און דעווידן, אים צוגערעדט צו אינוועסטירן זיין געלט אין אקציעס. מע האט אזוי געטאן. ס'האט לאנג נישט געדויערט און פון זיין געלט איז געווארן א העלפט. דעמאלט האט שוין מארצין גאלדמאן, לייקנענדיק די מאג-ציטונגען,

נישט בעזוכט די פאליטישע נייעסן אויף דער ערשטער זייט, נאר שטטטאמבכשק פוןשטעפסטפס קודם די באריכטן פון דער בערזע. אויף די קורצע ,טרוקענע באריכטן אין די צייטונגען זענען נישט געווען געגנב פאר אים און ער האט אנגעהויבן זיך אפטער אראפכאפן אין שטאט אריין א קוק צו טאן אויף די פרישע באריכטן פון דער בערזע אין אן פענצטער פון א באנק. ביי איינעם אזא באנק-פענצטער, שפעט אין אוונט, אין דער שיין פון דעם קליינעם נאכט-לעמפל וואס מען האט געלאזן ברענען, האט ער זיך אנגעטראפן מיטן פעטן מיידל פון דער באנק. זי איז געווען די סעקרעטארין פון דעם פארוואלטער אין דער אפטיילונג 'אקציעס און דעוויזן', און אצינד איז זי אהיימגעגאנגען פון א קינא. אין אנהויב פלעגט ער אויסמיידן דאס מיידל פון באנק. ווען ער איז דאס ערשטע מאל אריינגעקומען אין באנק אריין און דאס מיידל, ווען ס'איז געקומען זיין ריי, האט אים צוגערופן, איז ער צו איר נישט צוגעגאנגען, נאר געמאכט א סימן מיט דער האנט, זי זאל פריער אויפנעמען די אנדערע קליענטן וועלכע זענען געקומען נאך אים, און אז אליין וועט ער אלעמען איבערווארטן. ער האט אזוי געטאן און אויך נאך דעם האט ער מיטן מיידל נישט גערעדט, נאר מארן פארוואלטער פון דער אפטיילונג, א מאן אין די מיטעלע יארן מיט צוויי טעלעפאנען אויף זיין טיש, האט ער זיך פארטרויט, אז עס רעדט זיך אים נישט אזוי פריי אין דער אנוועזנהייט פון א פרויען-צימער. אצינד, ביים נאכט-פענצטערל פון דער באנק, האט ער גערעדט מיטן מיידל וועגן אקציעס. ער איז נאך דעמאלט נישט געווען אזוי באהאוונט אין די ענינים, זענען זיי אריין אין א רעסטאראן און עסנדיק ארבוז געשמועסט וועגן בערזע.

דאס מיידל האט אים געלערנט לייענען די באריכטן און פארשטיין די סימנים.
זי האט אים אויך אויסגעלערנט האנדלען מיט מלוכהשע לאטעריע צעטלען.
זי האט אים געוויזן א ביכל מיט אפגעדרוקטע ציפערן פון אלע מזלדיקע
נומערן ו אס האבן ווען עס איז געוווּנען סומעס געלט און קיינער איז
די געווינסן נישט בעקומען אפגענומען. דאס ביכל האט דעמאלט פארכאפט זיין
אויג און א שעה אנדערהאלבן איז ער אפגעזעסן אין באנק און געלייענט ד י
ציפערן. נאך דעם האט אים דאס מיידל געגעבן אן איבעריקן עקזעמפלאר
ער זאל שטודירן די ציפערן אין דער היים. ער האט אזוי געטאן און נאך
א וואך , צוויי, איז ער צוריק געקומען אין באנק אריין מיטן געדאנק
אז אין דעם פערטל מיליאן נומערן וואס זענען אפגעדרוקט אין ביכל שטעקט
א שליסל צום בלינדן גורל. דאס אלץ האט דאס מיידל דערציילט ווען זי איז
איין מאל געקומען זוכן מארצין גאדלמאנען ביי די ראלידערס אין שטוב.
זי האט דערציילט ווי גאדלמאן האט אנגעהויבן איינקויפן מלוכהשע
הלוואה-צעטלען לויט געוויסע אויסרעכענונגען און סימנים. איין מאל האט
ער אפילו געבראכט א נאכגעמאכטע לאטעריע אין באנק אריין און געוואלט
אז דער פארוואלטער און דאס מיידל זאלן ארויסציען קוויטלעך. נישט
ביים פארוואלטער אבער ביים מיידל האט ער עס בעפועלט. עטלעכע מאל אזוי
האט ער זיך אריינגעכאפט אין באנק באנק אריין מיט א זעקל אונטערן
א רעם און דאס מיידל האט געצויגן קוויטלעך. ס'איז געווען זיין איינפאל
א ז מען דארף נוצן מיסטישע מיטלען און די באנק איז זיינע אויגן איז
געווען א מיסטישע אינסטיטוציע. איין מאל האט ער געשאנקען דעם מיידל
א מזלדיקן צעטל נאר זי האט עס נישט גענומען צוליב די כללים אין באנק

וואס האבן פארווערט געמען מתנות פון קליענטן. אבער דעם
גומער פון צעטל האט זי פארשריבן כדי נאך דער לאטעריע אפצומערקן
צי עס וועט מאקע ארויס מיט עפעס א געווינס ס'האט איר פארפעלט
אטעם ווען זי האט אין עטלעכע חדשים ארום, נאך דער ציאונג צו צום
פארוואלטער ווייזן אז דער נומער איז ארויס מיטן גרויסן געווינס.
אן אטעם האט זי דעמאלט געווארט אויף גאלדמאנען אים אנצוזאגן די
גוטע בשורה. אבער גאלדמאן איז דעם טאג אין נישט געקומען אין באנק
שוין געהאט
אריין. ער האט עטלעכע וואכן פריער אויפגעהערט קומען אהין,
און זיך מער בכלל נישט באוויזן. דער פארוואלטער האט געחוזקט פון
מיידל. נאך דעמאלט ווען ביי גאלדמאנען האט זיך אויסגעלאזט
דאס געלט האט דער פארוואלטער פון דער אפטיילונג פארזאגט דעם מיידל
זי זאל זיך מער נישט לאזן פארדרייען פון אים א קאפ און ער איז
געווען אויף איר אין כעס ווען ער'האט איר געכאפט אינמיטן פון דער
ארבעט ציען קוויטלעך פון דער נאכגעמאכטער לאטעריע. אצינד, נאך
דער ציאונג, איז ער געווען זיכער אז גאלדמאן האט אפגענומען
דאס געלט און וויל איר מער נישט קענען. אבער איר הארץ האט נישט
געגלייבט אז אזוי איז עס. זי האט געוווסט אז גאלדמאן איז נישט
א מענטש פון געלט און אז ער האט דאס אלץ געטאן צוליב וויסנשאפט
און פארשונג. א חוץ דעם איז ער זיך באגאנגען מיט איר זייער איידל.
אלע מאל ווען ער איז געקומען אין באנק אריין האט ער איר מכבד געווען
מיט א צוקערל פון אויסלאנד וואס ער האט ספעציעל אויסגעשריבן און

זי האט געוווסט אז אין די סארטן זאכן שטייט ער א סך העכער פאר
בעלט און אז ער שרייבט א בוך וועגן א פראנצויזישן
פילאזאף וואס זיין נאמען האט זי נישט געדענקט. האט דאס מיידל
געשריבן גאלדמאנען א בריוו ער זאל קומען אין באנק אריין. עטלעכע
בריוועלך האט זי געשריבן און אלע זענען צוריק געקומען מיט א צושריפט
פון דער פאסט אז ער האט זיך ארויסגעצויגן פון דעם אדרעס און קיין
נייעם אדרעס ווו ער וווינט האט מען נישט געוווסט. האט זי אנגעהויבן
מיינען אז דער פארוואלטער איז בערעכט געווען ווייל מען האט נישט
געקאנט קיין מאל וויסן וואס א מענטש קאן אפטאן צוליב געלט. זי אליין
האט אמאל פארלוירן א חתן או צוליב א באלדן רינגל. צום ערשט האט זי
פארלוירן דאס רינגל און נאך דעם דעם חתן. ווען זי האט פארלוירן דאס
תנאים רינגל האט דער חתן געזען אין דעם א שלעכטן סימן און ער איז
פארשווונדן געווארן. שפעטער האט זיך דאס רינגל אפגעפונען. דער
חתן נישט. ביי די ראלידערס אין שטוב איז דאס מיידל געזעסן אויף
אן עק פון א שטול, בעהאלטן אין איר פויסט א קליין נאזטיכל איינגע-
וויקלט ווי א באלכל, און גערעדט וועגן באמאנגען מיט אפשיי
ארויסזאגנדיק אלע מאל זיין פולן נאמען. פראפעסאר מארצין גאלדמאן.
זי וואלט אין אים פארגעסן ווי זי האט פארגעסן איר ערשטן פארלוירענעם
חתן, אבער נאך עטלעכע חדשים ,צום נייעם יאר, ווען ס'איז ארויס א
נייע אויפלאגע פון דעם ביכל מיט די נומערן וועגן די געווינסן וואס
מען איז נישט בעקומען אפגענומען, האט זי דארט געזען דעם נומער

פון דעם מזלדיקן צעטל וואס גאלדמאן האט איר געוואלט שענקען. דאס צעטל וואס איז ארויס מיטן גרויסן געווינס. ער האט דאס געלט נישט אפגענומען און דאס געווינס האט געווארט אויף אים. האט זי אים אויפסגיי  אנגעהויבן זוכן ביז זי האט זיך דערפרעגט צו די ראלידערס אין שטוב אריין. אבער מארצין גאדלמאן איז שוין דעמאלט נישט געווען אין לאנד. א סך פריער איז ער שוין געהאט צוריק געפארן קיין אויסטראליע און ער האט נישט געוווסט אז ער איז רייך געווארן. ברוריה האט דעמאלט געגעבן דעם מיידל זיין אדרעס און אליין האט זי אויך צו אים וועגן דעם געשריבן. נאר גאלדמאן האט וועגן דעם נישט געענטפערט. און ראלידער, נאך דער לוויה פון דעם בילעטן-פארקויפער, בייענדיק מיט מיר לענג-אויס דעם בית-עולם, האט זיך נאכגעטרעגט וועגן גאלדמאנען. נאר דעם זעלבן טאג זענען מיר נישט געפארן צו אים. ראלידער האט אים שפעטער געטראפן ביי די בצלאלס אין שטוב און אין זיינע בריוו צו ברוריה האט ער אויך וועגן אים געשריבן און מיט מער פרטים. און ברוריה פלעגט צו מאל ארויסלייענען פון זיינס א בריוו א שורה אדער צוויי אויך וועגן מארצין באלדמאן. ביי ברוריהן בין איך זעלטן געוועזן אליין אין איר צימער. די קליינע סימא איז דארט תמיד מיטגעווען. ברוריה האט איר געראפן סימי. אויף דעם פרייטיק צונאכטס, אין חדר-האוכל, ווען ברוריה איז דאס ערשטע מאל געווען פריינטלעך צו מיר, האט זי ביים טיש ווו מיר האבן זיך אוועקגעזעצט עסן, איינגעבויגן נאך א שטול מיטן

אנלען צום קאנט פון טיש כדי א פרעמדער זאל זיך נישט צוזעצן. איך אנהויב
האב איך געמיינט אז זי וויל מיר ביידע זאלן בלייבן אליין נישט געשטערט
פון קיינעם, אבער באלד האט די קליינע סימא זיך צוגעזעצט עסן מיט
אונדז צוזאמען.

די קליינע סימא האט געארבעט אין קיך און זיך געפארבט די האר.
א מאל ווען זי איז געווען א קינדערפלעגערין האט זי גורם געווען
דעם טויט פון ברוריהס א מיידלע. זי האט זיך דעמאלט געוואלט נעמען
דאס לעבן נאר ברוריה האט זי אפגעהיטן [illegible] (זי זאל עס נישט טאן) דורך דער צייט
ווען ברוריה און ראלידער זענען געווען אוועק פון ילון, איז סימא
געקומען צו זיך , און ווען זיי זענען צוריק געקומען קיין ילון, האט
זי אנגעהויבן אריינקומען צו זיי אין שטוב אריין, אפזיצן אן אוונט
און שטריקן. א סוועטער פאר ראלידערן, א זשאקעט פאר ברוריה. ווען
ראלידער איז אוועק געפארן און ברוריה איז געבליבן אליין איז זי
געקומען אפטער. זי האט געהאט איר שטענדיקע שטול און אויף די קני
פלעגט זי אויפוויקלען דאס ווייסע ווינדל אין וועלכן זי האט געהאלטן
איינגעוויקלט דאס וואל און די שפיגלען. געווענדט האט זי נישט. כדי
נישט צו שטערן ברוריהן אין איר פאסיאנס. ברוריה האט געמיינט אז ספק
ווען זי וועט צוריק קומען קיין ילון וועט זי זיך אפגעוואוינען
פון לייגן קארטן, נאר ילון איז שוין מער נישט געווען וואס אמאל און
זי האט עס ווייטער געטאן. צו מאל פלעגט סימא אויפהערן שטריקן,
ארויסרייסן א געפארבטן האר פון קאפ און איט באטראכטן. זי האט

אנגעהויבן פארבן אירע האר נאך דעם ווי איר מאן איז אינגאנצן אוועק פון איר. אין אנהויב איז ער טיילווייז אוועק און זיי האבן געלעבט צוזאמען אינעם זעלבן הייזל, א טיר איבער א טיר. זי און מילעק און זיין צווייט ווייב. מילעק האט שפּש געבראכט זיין צווייט ווייב פון אן שששפּקש אנדערן קיבוץ. דארט האט זי פריער געהאט פון אים א קינד. ווען מילעק איז אהיימגעקומען און אנגעזאגט סימאן אז ער איז געווארן א טאטע, האט זי ארייננגערופן ראלידערן און ברוריחן זיי זאלן אים אפגעבן מזל-טוב און אליין האט זי אפגעבאקן א לעקאך און אין קיך ווו זי האט געארבעט פארטיילט כיבוד. אין מיטן קאכן האט זי זיך ארויפגעשטעלט אויף א בענקל און געקלאפט מיט א לעפל אין א בלעך מען זאל זיך צונויפ- קומען. און ווען די קעכינס און די אנדערע קיך-ארבעטער האבן זיך ארומגעשטעלט ארום איר האט זי אנגעוויזן אויף דעם לעקאך וואס זי האט צעשניטן אויף פעניצן און אויף דעם ווייין און זי האט געזאגט אז ווער עס וויל זאל טועם זיין און זיך מאכן אביסל פריילעך. דעם ווייין האט זי אנגעגאסן אין די דיקע פארצעלייענע טעפלעך וואס מען האט גענוצט צו טרינקען קאווע. מען האט איר געפּאלגט און שפּעטער האט זי אויך געפּועלט ביי מילעקן ער זאל אריבער ברענגען זיין צווייט ווייב מיטן קינד קיין ילון, זיי זאלן אלע זיין צוזאמען. מילעק איז געווען אן אויפּמוּער אין קיבוץ און ער איז אפט געפארן מיט זיין צווייט אויף פארשידענע פּאליטישע און אידעעישע שליחותן און סימא איז געבליבן אפּהיטן דאס קינד. שששששש ווען זיי זענען ניסט געווען אין ילון פלעגט סימא אין די פארנאכטן גיין מיטן קינד שפּאצירן. אבער דעם צווייטן

ווייב איז דער ענין נישט געפעלן געווארן. זי געווען מקנא און
אייפערזיכטיק און צום סוף האט זי איבערגערעדט מילעקן זיי זאלן צוריק
אוועק צו איר אין קיבוץ אריין און סימא איז געבליבן אליין
ארבעטן אין קיך. זי האט געקאכט דיעטע. אויך אין דעם טאג ווען
איר מאן איז אוועק מיט זיין צווייט ווייב פון ילון, האט
זי געמאכט א מסיבה אין קיך. אויך דאס מאל האט זי זיך ארומ-
געשטעלט אויף א נידעריק בענקל אין געקלאפט מיט א לעפל אין א בלעך
אריין, מען זאל זיך צונויפקומען. נאך דעם ווי מען איז זיך צונויפגעקומען
זיך פריילעך געמאכט און יעדער איינער איז צוריק אוועק אויף זיין
פלאץ, איז אויך סימא צוריק אוועק צו אירע טעפ. דארט האט זי זיך
אראפגעלאזט אויף דער נאסער פאדלאגע פון שטיין און פארגאנגען אין
א פונקעלע יללה. האט מען זי אויפגעהויבן און זי אוועקגעזעצט אויף
א נידעריק בענקל און מען איז ווידער געשטאנען ארום איר און געהערט ווי
זי קלאגט. ביז א קעכין האט אלעמען צעשארט און אליין זיך גענומען
מטפל זיין מיט סימאן. זיך אראפגעבויגן און איינגערעדט אין איר
קלאגנדיק פנים ווערטער פון טרייסט. אז זי איז נאך יונג
און זי קאן נאך געפעלן ווערן און אז מען קען קיינמאל נישט וויסן
וואס איינעם איז באשערט. די קעכין האט איר געטרייסט און סימא האט
געקלאגט און דערווייל האט מען געשיקט רופן וועמען פון שפיטאלעכל
איר איינגעגעבן א שטארקונג זי זאל נישט פארחלשט ווערן. ביז ברוריה
איז געקומען איז שוין סימא געזעסן האלב-פארשטארט און אריינגע-

מרוקעט אין אירע פארבראכענע יענס. ברוריה האט זי אהיימגעפירט
און אויטן וועג האט סימא גערעדט וועגן א פערטל עוף וואס מען האט
ארויסגעגנבעט פון איר טעפל בעת זי און די אנדערע קין-ארבעטער האבן
זיך געמאכט פריילעך. זי האט געזאגט אז דאס גאנצע פריילעך זיין האט
געדויערט פינף אדער צען מינוט און שוין האט מען איר באוויזן צו
באגנבהנען. זי איז געווען זיכער אז זי האט אפגעציילט זיבן פארציעס
עוף אין טאפ אריין צום קאכן און ווען זי איז צוריק געקומען נאך
דער מסיבה און איבערגעטראגן די פארציעס פון טאפ צו טאפ האט
זי געזען אז עס זענען געבליבן נאר זעקס. ס'האט איר פארקלעמט
ביים הארץ און זי האט פארחלשט. אויך אויף צו מארגנס ווען זי איז
צוריק געקומען אין קיך אריין האט זי גערעדט וועגן דעם פערטל עוף
וואס מען האט ארויסגעגנבעט פון איר טאפ. וואכן שפעטער האט זי עס נאך
אלץ דערמאנט און צו מאל פלעגט זי ווענדן א פרעג טאן צי ער האט נישט
באמערקט ווער עס האט דאס געטאן. זי האט אויך אליין געפרווט
דערפארשן דעם ענין. און זי האט געהאט איר חשד אויף עטלעכע אין ילון.
איינער פון זיי איז געווען שלמה בעלפער. ער האט שוין איין מאל געהאט ארויס
געגנבעט ביי איר א קאטלעט. פארביי גייענדיק האט זי אים אפגעשטעלט
און וועגן דעם געטרעגט. קודם האט ער זיך צו איר באגריסט, א זאך וואס
ער פלעגט קיין מאל נישט טאן און דאס האט פארשטארקט איר חשד. דערפאר
האט זי אים גענומען אויף זיכער. שלמה בעלפער האט נישט געלייקנט אין
זיין תאווה צו געשמאקע עסנס אבער אין דעם חשד האט ער געלייקנט. און
אין אוונט איז ער ספעציעל געגאנגען צו סימא אין צימער אריין נאך

א מאל אפלייקענען איר חשד. ער איז שוין דעמאלט פארבליבן ביי איר

איבער נאכט. א סך נעכט . און סימא האט אנגעהויבן אונטערזינגען ביים

קאכן. זי האט אויפגעהערט זינגען ווען זי האט זיך דערוווסט אז שלמה

בעלפער איז געשטאנען אין שידוכים מיט א מיידל פון שטאט. פון זיין אלטן

טאטן, וועלכער האט געגעסן ביי איר דיעטע האט זי זיך דאס דערוווסט.

האט זי מיטאג-צייט, ווען שלמה בעלפער איז אריינגעקומען

עסן, אים אפגעווארט און אים אריינגערופן אין קיך אריין ער זאל איר זאגן

ער האט איר געזאגט דעם אמת

דעם אמת. שלמה בעלפער האט נישט געלייקנט וועגן דעם.

און ער האט

ארויסגענומען פון א בייטעלע צוויי צענער פונטן און איר געגעבן זי זאל

זיך עפעס פאר דעם קויפן. געבנדיק איר דאס געלט האט ער אויך

געמאכט א סימן זי זאל מאכן א שווייב און קיינעם נישט דערציילן וואס

צווישן זיי איז פארגעקומען מען זאל גארנישט נישט וויסן. א ווײַלע האט

סימא געהאלטן דאס געלט און נישט געוווסט וואס צו ענטפערן. זי האט

אויך נישט געוווסט ווו זי זאל באהאלטן אירע אויגן. זי האט זיי

באהאלטן אין א טאפ מיט רויטן בארשט. באלד האט זי געלאזן די צוויי

באנקנאטן ארײַנפאלן אין בארשט אריין. שלמה בעלפער האט עס געוואלט

פארכאפן אבער דאס מאל איז סימא געווען פלינקער פאר אים און בעת ער האט

זיך איינגעבויגן ארויסצוציען פון בארשט די באנקנאטן,

און איידער ער האט זיך צוריק אויסגעגלייכט, האט זי אים אנגעטאן אויפן

קאפ דעם טאפ מיטן בארשט מיטן געלט.

ביי סימאן האט ברוריה געוואלט וויסן פארוואס זי איז קיין מאל נישט

געווען אייפערזיכטיק אויף מילעקן און אויף שלמה בעלפער - יא. ס'איז געווען אין אן אוונט, בעת ברוריה האט געלייגט אירע קארטן און סימא האט געשטריקט. זי האט דעמאלט אויפגעהערט שטריקן און אויף ברוריהס פראגע נישט געענטפערט. מיט די ליפן בלויז האט זי איבערגעחזרט ברוריהס ווערטער ווי זיי וואלטן געקומען פון איר אייגענעם זכרון און נאך דעם איז א געלעכטערל געווען אויף אירע ליפן. אויך דער ראדיא האט דעמאלט געמורמלט זייער שטיל אין צימער ער זאל נישט ווערן אן עיקר אין שטוב און ברוריה האט אויפגעהויבן איר בליק פון די קארטן און זי האט משש באמערקט דאס געלעכטערל און זי האט געוווסט דעם ענטפער.

ארויסגייענדיק איין מאל פון ברוריהס צימער ווו סימא האט געשטריקט און ברוריה האט געלייגט קארטן , האב איך זיך אנגעשלאגן אן שלמה בעלפער. ער האט אונטערגעלייגט א בלום אונטער ברוריהס טיר און אנטלאפן. ווען איך האב געעפנט די טיר האט ער געטאן א לויף אראפ פון דעם גאניקל , זיך פארדרייט ביי דער וואנט און פארשווונדן געווארן אין דער פינצטערניש. צום ערשט האב איך געמיינט אז ער איז געשטאנען אונטער דער טיר כדי זיך אונטער צו הערן וואס אינעווייניק קומט פאר, און ווען איך בין ארויס אומדערווארט האט ער נישט באוויזן צו אנטלויפן אין צייט. ער איז אוועק מיט א הינקענדיקן לויף און איך האב זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן די בלום. דעמאלט איז ברוריה ארויסגעקומען פון צימער און זי האט מיר געזען שטיין מיט די בלום אין דער האנט. איך האב איר דערלאנגט די בלום. זי האט מיר גארנישט געענטפערט

און זי איז אריין מיט דער בלום צוריק צו איר אין צימער אריין.

נאכן אראפגיין פון באניקל האב איך געזוכט ביי דער וואנט ווו דאס
ששט הייזל האט זיך געענדיקט נאר קיינער איז דארט נישט געשטאנען.
שלמה בעלפער איז אוועק אין דער פינצטער און ער האט מיך אנגעהויבן
אויסמיידן. אויפן שמאלן טראטואר ווו מיר זענען זיך אנטקעגן געגאנגען,
א טאג אדער צוויי שפעטער, האט ער געמאכט א פרווו צו פארדרייען זיך אן
א זייט. אבער אויפן שטיקל וועג צווישן די נייע הייזער און דעם
חדר-האוכל האבן שטעגלעך זיך נישט געקרייציקט און ס׳איז נישט געווען
ווו צו פארגעסן זיך אין אן אנדערע ריכטונג. איז ער אראפ פון
טראטואר און געגאנגען אויפן גראז כדי דער בויס אין מיטן זאל ווערן
א מחיצה שש צווישן אונדז ווען מיר וועלן זיך פארבייגיין. שקטטעטלקט
געוויינטלעך ,פלעגט ער בעת מיר פלעגן זיך אנטרעפן, שיקן זיין באגריסונג
נאך פון דערווייטנס ווייל מיר האבן זיך שעטשטשטעשקט גערן געהברט.
אין די ערשטע טעג אין ילון האט ער מיר א סך געהאלפן. געבראכט
ברעטער און צונויפגעקלאפט פאליצעס פאר מיינע ביכער. געבראכט א שטיי-
לאמפ וואס ער האט אליין אויסגעשניצט פון האלץ און איך בין אויך
געווען דער בורר צווישן אים און זיין אלטן טאטן וועגן דעם געלט.
שלמה בעלפער האט געוואלט ביים אלטן טאטן דאס געלט און פארגעלייגט
זיי זאלן ביידע אוועק אין א דארף אריין און פירן אן אייגענעווירטשאפט
פאר זיך אליין. אבער דער אלטער טאטע האט נישט געוואלט געבן דאס געלט.
ער האט געוואלט שטארבן אין ילון ווו ער האט געפונען א היים און ס׳איז
געווען דא ווער עס זאל וואשן פאר אים א העמד, און דאס בעט-געוואנט

און אויך ווער עס זאל פאר אים קאכן עסן. ווער עססשעס וועט וואשן זיין העמד אויפן דארף און ווער עס|וועט פאר אים דארטן קאכן האט ער נישט געוווסט. אין דער מלחמה האט ער זיך אויסגעוואלגערט אין ווייטע לענדער און געקומען אהער איז ער אלט און אליין און ער האט מער נישט געוואלט זיך וואלגערן. ער האט געוווסט אז אין זכות פון שלמה בעלפערן האט מען אים אריינגענומען אין ילון און אויב דער זון וועט אוועק שעש גיין וועט מען אים אויך פון דאנען משלח זיין. שקפסטאט דערפאר האט ער נישט געוואלט געבן שלמהן דאס געלט כדי ער זאל נישט קאנען אוועק גיין פון ילון. ער האט נישט געוואלט הערן פון קיין דארף. ער האט חושד געווען שלמהן אז|ער מיינט בלויז דאס געלט און ער האט מורא געהאט אז דארט וועט שלמה זיך נעמען א ווייב און ביידע וועלן זיי אים ארויסווארפן און ער וועט ווידער ווערן הפקר. האט דער אלטער טאפע זיך געבעטן ביים זון אביסל געדולד. ער האט אים שקשקשקט געבעטן ער זאל אונטערווארטן אביסל און ער האט עדות געזאגט אויף זיך אז עס וועט שוין לאנג נישט דויערן און דעמאלט נאך זיין טויט וועט דער זון ירשהנען דאס געלט. דער דאקטאר האט אים פארזאגט נישט צו עסן קיין סך און לעבן פון דיעטע און ער האט געפרעגט דעם זון ער זאל אים אליין זאגן ווי לאנג מען קאן אויסהאלטן פון דיעטע. דער אלטער איז געווען זיכער אז עס וועט זיך נישט שעש פארציען מער ווי א דריפערטל יאר.

דערווייל פלעגט ער אן אויסגעפוצטער, אין א ווייסן,הארטן קראגן מיט א בינדע און א פעדערל אין באנד פון זיין קאפעלוש, ארויפקומען

פון מאל צו מאל צו די שעפסן שטאלן ווו איך האב שוין דעמאלט געארבעט, אויסשפרייטן א פאטשיילע אויף א נידעריקן שטיין, לעבן דעם אריינגאנג פון א היימל, און זיצנדיק אויפןשטשטש שטיין אראפקוקן צום וועלדל, אריבער דעם נידעריקן מאל, שיף אויס דעם צווייטן בערגל, ווו דאס בית-הקברות פון ילון האט זיך געפונען. אהין פלעגט דער אלטער קוקן, שווייגן און מענהן מיט זיך צו זיין זון , פאנפען מיט א פייף א פוילישן שלאגער און צומאל א שפיי טאן מיט א קללה אז ער בענקט שוין אהיים, אהין צום וועלדל אריבער דעם מאל. דאס געלט האט ער שלמהן נישט געגעבן. דערווייל האט ער געגופען ביי שלמהן געלט אויף א העמד, אויף א בינדע ,כדי די ירושה זאל בלייבן גאנץ.מיך האט שלמה אויסגעטיטן. כ'האב נישט געדארפן צוזען ווי ער האט אונטערגעלייגט א בלום שששעש הינטער ברוריהס טיר. דעמאלט,אויפן שמאלן טראטוארל , איז ער מיר פארבייגעגאנגען און דער בוים איז געווען אינמיטן. אויך זיין גוטן פוס האט שלמה געשטעלט שטייפלעך כדי דער מום זאל זיך נישט אנזען. סימא האט געזאגט אז עס איז געקומען פון א מארפאל נאך מיט יארן צוריק ווען ער איז געווען א יינגל. פון דעסטוועגן האט ער נאך אלץ פראקטיצירט גיין אויף אן אופן כדי זיין מום זאל זיך וואס ווייניקער אנזען. אי ן מאל האב איך אים געטראפן פראקטי-צירן גיין אין איינע פון די הינער-שטאיגן ווו ער האט געארבעט. אין דעם שמאלן קארידארל פון דער לאנגער הינער-שטובע, צווישן שטייגן מיט הינער, פון ביידע זייטן איז ער געגאנגען ביז צום עק ווי ער האט בעלאזן שטיין א שמאלן, לאנגן שפיגל אין וועלכן ער האט זיך אליין געזען אנקומען. ער שששששששש האט אויסגעפרווט פארשידענע אופנים פון גיין כדי דער

שטייפער פוס זאל זיך נישט ווארפן אין די אויגן. ס'איז געווען א
פרייטיק פארנאכט, דער שבת איז שוין בעהאס צוגעפאלן און
אומעטום איז געווארן טונקל, האב איך אויפן וועג צו די שעפסן זיך
אפגעשטעלט ביי דער ליכטיקער הינער-שטוב. שלמה בעלפער אליין איז
שוין געווען אנגעטאן אין שבתדיקע בגדים. ווייל ס'איז שוין געווען די
שעה ווען מענטשן האבן זיך פארזאמלט אין חדר-האוכל צום עסן, און דער
הויף איז געווען בלוי און שטיל מיט די געוויינטלעכע קולות פון דארף
און פעלד; א קו, א שעפס, א קריי פון א האן, א פויגל פארנאכט. אין
דער ליכטיקער שטייג איז שלמה בעלפער געגאנגען לענגאויס די דראטענע
צימערן ווו די ווייסע הינער האבן געדרעמלט אויף די שטייג-דראטלעך
און דא און דארט איז א האן ארומגעגאנגען הינטן, געסטראשעט מיט
די פליגל און אז א הון איז אראפ אויפן דיל איז ער ארויף אויף איר
און זי פארגעוואלטיקט. אנדערע הענער נאך אים. אז שלמה בעלפער
פלעגט טראגן טויטע הינער אין קיך אריין האט זיין פוס זיך נישט
אנגעזען. מיט א האלב-טיף געשאכטענע הינער, אראפהענגענדיק ביי די
פיסלעך פון יעדער האנט, האט שלמה בעלפער אויספראקטיצירט א גאנג ווו
דער פעלער פון זיין שטייפן פוס האט זיך נישט אנבאמערקט. אויך
ווען ער פלעגט שטיין און שעכטן קורטשיקלעך פאר א מאלצייט אין
דער גרויסער קיך. אויף א צונויפגעשטעלטע בימה, לעבן איינע פון די
הינער-שטיבער, אין די פריע שעהן פון טאג, אנגעטאן אין א ווייסן
פרוייען פארטעך, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן מיט עטוואס צעשפרייטע
פיס און ארום אים אנגעשטעלט איינע אויף די אנדערע צו צוויי און צו

דריי פאק די הייך, שטייגן מיט קורטשיקלעך. שלמה האט מער ניסט געווארפן
ווי איינבייגן דעם אויבערשטן טייל פון גוף זייגעם, ארויסשלעפן
א הינדל, א פיר טאן מיטן מעסער און אוועקשליידערן דא געשאכטענע
פון זיך. אזוי האט ער געטאן. און ביז די שטייגן זענען געווארן לער
האט פאר שלמה בעלפער זיך אויסגעשפרייט א טעפיך ווייס און צאפלדיק.
שפייענדיק איין מאל אויף אזא טעפיך האט ער מיר גערופן מיט א פייף.
פארענדיקט דאס שעכטן האט ער מיר באמערקט אויפן וועג צו די שעפסן,
האט ער פארשטעקט צוויי פינגער אין מויל און ארויסגעלאזט א פייף.
ער האט בעוואלט איך זאל זיך לאזן מכבד זיין מיט קאווע און
א פראזשעניצע פון פרישע, געלייגטע אייער. אויך זיין אלטן טאטן
פלעגט ער רופן מיט א פייף ווען זיי זענען ניסט געווען ברוגז.
אז ער פלעגט אים באמערקן זיך קייקלען מיט א שטעקן ארויף צו די
שטאלן פון די שעפסן, פלעגט שלמה א פייף טאן צו אים, א טאפלטן
פייף, און אים אריינגעמען אינעווייניק אין א גארשטיבל פון א
הינער-שטייב, ווו ער האט געהאט אלע כלים צו פרעגלען און אים
מכבד זיין מיט א שטארקע קאווע און מיט א פראזשעניצע פון
א האלב-טוץ אקערשט געלייגטע אייער. דער אלטער טאטע פלעגט האלטן
בריים ביי זיך זאלץ און פעפער ווייל ער האט ליב געהאט שארפע קססס.
מאכלים. די דיעטע וואס סימא האט געקאכט פאר אים לויט די אנווייזונגען
פון דאקטאר, האט ניסט געהאט קיין טעם. דערפאר פלעגט ער
קומען אפטער צו די שעפסן כדי צו הערן דעם פייף. און שלמה בעלפער
האט אים אזוי ארום געוואלט איבערקויפן און ארויסבאקומען פון אים דאס
געלט. ער האט אים אפילו צוליב דעם איין מאל מיטגענומען אויף א רייזע

קיין אויסלאנד, ווען ער האט ארויסבעצויגן אין ילון א טאפעלן בילעט
צו פארן איבער די לענדער פון אייראפע. אויך זיין לאזן זיך רעדן א
שידוך מיט א מיידל פון שטאט, האט געהאט צו טאן מיט זיין פלאן צו
באזעצן זיך אין א פריוואט דארף. שלמה בעלפער האט געזוכט א לעבנס-
באגלייטערין מיט שותפותדיקע אידעאלן. אזוי האט ער אנגעגעבן אין
דעם שידוכים-ווינקל אין דער צייטונג און דעם בריוו וואס ער האט
באקומען פון מיידל איז געווען אן ענטפער אויף זיין באגער, אז כאטש
זי איז א שטאטישע איז דער קיבוץ תמיד געווען איר טרוים און דאס
חלוצישע לעבן איר אידעאל. דער בריוו איז אויך געווען אן ענטפער אז
זי האט אים געזען און ער איז איר געפעלן געווארן. א פערטל שעה איז
ער געגאנגען היין און צוריק לעבן הויפט-קינא אין שטאט כדי זי זאל אים
זען. אזוי האבן זיי געהאט אפגעשמועסט צווישן זיך אין בריוו
דורך דער פארמיטלונג פון צייטונג-שדכנים, און כדי
ס'זאל זיך נישט מאכן קיין טעות האט ער געטראגן מיט זיך
א סימן – א בלום אין זיין לאץ. אין בריוו האט שלמה בעלפער נישט
אויסגעזאגט וועגן זיין מום און ערב זיין פארן אין שטאט אריין צו
ווערן געזען האט ער יענעם פרייטיק צו נאכטס אין די הינערשטייג,
קוקנדיק אין שפיגל זיך געלערנט גיין אן א פגם. נאכן פארביי גיין
דעם בוים, ווען שלמה בעלפער איז צוריק ארויף אויפן טראטוארל, האט
ער זיך אפגעשטעלט און מיך גערופן. ער האט מיר געוואלט עפעס
זאגן. נאר ער האט גארנישט געזאגט. עטלעכע מאל האט ער געמאכט
פארשיידענע מינעס אויף צו רעדן און ס'איז אים נישט געלונגען.

צום סוף האט ער א מזל געהאט אז ווען אזעלכע זאכן רעדט זיך גישט,
אויפגעהויבן זיינע אקסלען, צ// זיי צוריק אראפגעלאזט ,אוועק געקוקט
פון מיר און אוועק געגאנגען מיט א האלב ווארט אין דער ריכטונג ווו
די נייע הייזער/זענען געשטאנען. Z נאך דעם ווי שששששששפטש שלמה בעלפער
האט זיך געוויזן פארן מיידל ביי דעם הויפט-קינא פון שטאט, האבן זיי
אפגעמאכט זי זאל קומען צו אים קיין ילון כדי אויך ער זאל איר זען.
אין דעם באשטימטן טאג האט ער שששששששש צוגעגרייט א קליינע מסיבה און
פארנאכט-צו ,ווען איך שט בין אנגעקומען מיט שששטעט די שעפסן פון
פעלד, האב איך אים געטראפן שטיין אויפן שאסע, ביים טויער פון ילון
ווו ער האט אפגעווארט דעם אויטאבוס פון שטאט. שלמה האט בעלאכט צו
מיר פון דערווייטנס און אריבערגעשריגן איך זאל נישט פארגעסן קומען
שפעטער אין אוונט צו אים אין צימער. ווען איך בין געקומען צו אים
אין אוונט האט ער געהאלטן ביים אויסמארטיקן א לאמפ פון האלץ אונטער
ברומענדיק א ניגון. אין זיין צימער זענען געווען נאך הילצערנע לאמפן
וואס ער האט אליין געמאכט. זיי זענען געהאנגען אויף די ווענט, אנגע-
צונדן און שששטטעטשפעטש אויסגעלאשענע. אויף א טיר פון זיין טאלש
אלמער האט ער געלאזן א/ אפן כדי דאס מיידל פון שטאט זאל זען די
לאמפן וואס זענען געשטאנען אינעווייניק. נאר דאס מיידל איז נישט
געקומען. איך האב ארויסגעצויגן פון א כוס אויפן טיש א פויסט געזאלצענע
שטעקעלעך און קייענדיק געקוקט ווי שלמה באקלעפט דאס האלץ פון לאמפ
מיט צאצקעס פון געפוצטן מעש. ער האט געוואלט ווייזן צי די צאצקעס
געפעלן מיר. אלע זיינע לאמפן האט שלמה בעלפער באצירט מיט טעצלאך,

ריגנען און קעפלעך פון זעלבן מעטאל ס'זאל האבן שטשט גלאנץ. אויך די

טעלערע ביכער אין זיין צימער האט ער די קאנטן פון זייערע מאוולען

ארומגענומען/ מיט מעש זיי זאלן נישט ווערן אפגענוצט. איין בוך איז

געשטאנען באזונדער צווישן צוויי שטייענדיקע לאמפן. איך האב עס ארויס-

גענומען און באקוקט. ס'איז געווען דאס יובל בוך פון ילון. שלמה האט

געזען וואס איך טו האט ער שפט מיר/ געהייסן עפענען ווו דאס בענדל

געוואלט

איז געווען פארלייגט און (איך זאל עפס עפעס ארויסלייענען פאר אים בעת

ער האט אויסגעפארטיקט דעם לאמפ. איך האב אים געפאלגט. אויף דער

לינקער זייט פון/ דעם צעעפנטן בוך איז געווען א פאטאגראפיע פון שלמה

בעלפער מיט אן אויסגעלייגטן קאלנער און ארום און ארום האט זיך געשריבן

וועגן אים ווי אזוי ער איז געקומען קיין ישראל. אבער איידער איך האב

אנגעהויבן לייענען פון בוך האט שלמה בעלפער אויפגעהערט ארבעטן אויפן

לאמפ , און מיר דערציילט ווי אזוי מען האט געמאכט דעם יובל-בוך. ווי

אזוי מילעק, סימאס געוועזענער מאן, איז געקומען צו אים אין צימער,

געזעסן דא/ דא לעבן טישל און שלמה בעלפער האט דערציילט וועגן זיך און

מילעק האט פארשריבן. מילעק האט געוואלט אז שלמה זאל אים דערציילן

זיין לעבנסוועג קיין ישראל. וועגן די ארעמע שטוב, וועגן דחקות און

נויט. נאר שלמה האט זיך געשעמט וועגן דעם צו דערציילן. אפילו ווען ער

אליין וואלט געווען לייכט אויף דער פען און ער וואלט נישט געדארפן

אנקומען צו א צווייטן/ צו פארשרייבן שטשט זיין געשיכטע וואלט ער אויך

געוווסט וואס עס פאסט זיך צו שטשטשט פאראייביקן אין א יובל בוך

וואס דארף זיין אן אנדענק אויף דורות. בפרט נאך ווען ער האט געדארפן דערציילן וועגן זיך פאר א צווייטן און נאך אן אייגענעם דערצו, האט ער זיך אוודאי געשעמט. מיך האט שלמה בעלפער נאך געהאלטן פאר א פרעמדן אין ילון פאר וועלכן מען מעג זיך א מאל ארויסכאפן מיט א ווארט, האט ער געוואלט איך זאל אים זאגן אז ער איז גערעכט געווען און אז עס איז נישטא וואס צו דערציילן וועגן אן ארעמע שטוב, וועגן הונגער און קללות, אז עס איז נישטא וואס צו דערציילן וועגן א משוגענעם שטיף-ברודער אויפן בוידעם וואס האט געוואיעט אין די נאכט ווי א וואלף.

איידער דער שטיף-ברודער איז אראפ פון זינען איז ער געווען א הענדלע ר פון זונות. אנגעשפארט אין ארעגנטינע און אין לאנדאן. אין לאנדאן האט די פאליציי ארויסגעלייגט א פרייז אויף שטשו זיין קאפ. צום סוף האט מען אים געכאפט און פארשיקט אויף אן אייזנזאמען אינדזל. ער איז פון אינדזל אנטלאפן און ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען [illegible] איז ער שוין געווען שטיל און איידל אוקש קיינעם נישט פארטשעפעט אויף זיין וועג. ער איז געגאנגען אין די ווינטער-פרעסט אויף די וועגן און געקליבן קאלירטע פאפירלעך. דארטן האט ער אנגעהויבן פרירן אין די פינגער און אין די אויערן. אבער ער האט שוין פריער געפוילט. איידער ער האט געפוילט און געפרירט האט ער געוואלט חתונה האבן מיט א געלע קאץ אין הויף. ער פלעגט שטיין אויף די טרעפ אן איבערגעבויגענער איבערן פארענטש און אראפרופן פון צווייטן שטאק אראפ צו דער קאץ אין הויף אריין. ער האט איר צוגעזאגט פינף הונדערט דאלאר נדן אבי זי זאל ווערן זיין ווייב.

צום סוף האט ער געפועלט און ס'איז אים געלונגען. ער האט פארנארט די געלע קאץ אין א שטייג אריין און איר אונטערגעצונדן מיט נאפט זי זאל ברענען. ווען דער ווינטער איז אוועק און דער פרילינג איז געקומען האט דאס פוילעניש זיך צעשפרייט אויף זיין לייב. איז דער שטיף-ברודער פארקראכן ששש אין א נארע אויפן בוידעם און געוואיעט אין די נעכט ווי א וואלף. אין א פרייטיק-צו-נאכטס האט ער נאך אלץ געוואיעט, אין א שבת אין דער פרי איז ער שוין געווען שטיל. א גאנצן שבת האט דער טאטע און זינע דאס מאמעלע אים באוויינט ווי א קדוש. מוצאי-שבת אין א פינצטער-ניש, ביי דער שיין פון א פעלד-לאמפ, האט מען דעם שטיף-ברודער באגראבן און נאך דעם איז שלמה בעלפער אנטלאפן פון דער היים זיך צו וואלגערן אין דער פרעמד ביז ער איז אנגעקומען קיין ישראל ווו ערשט דא האט ער זיך אויסגעלערנט אנשרייבן אן אות.

שלמה בעלפער האט זיך ווידער גענומען צום לאמפ אויף זיינע קני און איך האב אנגעהויבן לייענען פאר אים אויף א קול. שטילערהייט, אן א קול, מיט די ליפן בלויז, האט אויך שלמה בעלפער נאכגעזאגט די ווערטער וואס איך האב ארויסגעלייענט פון בוך. די ווערטער זענען געווען אויף זיינע ליפן נאך איידער איך האב זיי ארויסבעזאגט, מחמת ער האט געוווסט פון אויסנווייניק וואס דארט איז געווען געשריבן. א קליינער ששששש שמייכל איז געווען אויף זיינע ליפן ווען איך האב אנגעהויבן לייענען ווי אזוי שלמה בעלפער איז אין זיין יוגנט באיינפלוסט געווארן פון די דענקער משה העס און פינסקער, ווי אזוי ער האט זיך אנגעזאפט מיט די

אידעען פון טעאדאר הערצל, דעם באגרינדער פון ציוניזם, ווי שמש אזוי שלמה בעלפער האט זיך אפגעזאגט פון דעם אסימילאטארישן לעבן, פארמאכט די ביכער פון נעקראסאוו און טורגעניעוו און זיך גענומען שטודירן די ווערק פון פייערבערג און ברענער. צוזאמען מיט אנדערע סטודענטן האט ער געהאלפן אויפעפענען קלובן, זיך אליין אויסגעלערנט העברעיש און בעלערנט מיט אנדערע די באנייטע נאציאנאלע שפראך. ווען איך האב געענדיקט לייענען זענען ביי שלמה בעלפערן געשטאנען טרערן אין די אויגן. עטלעכע מאל האט ער גערופן מיין נאמען און געפרעגט:

" ווהין זענען אהינגעקומען אונדזערע אידעאלן פון א מאל? וואס איז געווארן פון זיי און פון אונדז? ווהין ? ווהין?"

איך האב פארמאכט דאס יובל-בוך פון ילון און פארגעלייגט אראפצונעמען פון מיט דעם כיבוד. ווייל זיין טיש איז נאך געשטאנען גרייט מיט סעודה. א פלאש וויין און רייפע פירות. אבער שלמה האט מיך פארהאלטן מיט א האנט און געוואלט ס'זאל שוין בלייבן אזוי ביז מארגן. אויף צו מארגנס איז געקומען אן אלטע פרוי און זיך נאכגעפרעגט אויף שלמה בעלפער. זי איז געווען זייער נייגיריק צו וויסן וואס דער קיבוץ פארמאגט און שלמה בעלפער האט איר געוויזן די הינער, די קי, די גארטנס. קיין גרויסן רושם האט דאס אלץ אויף איר נישט געמאכט. זי האט נישט געהאלטן פון היינטצייטיקע הינער וואס ווערן אויפגעהאדעוועט אין קאסטנעס. איך נישט פון קעלבער וואס

האבן זיך געהאדעוועט אן דער מאמעס מילך. און אפילו די היינט-

צייטיקע מייערן האט מען צובעאיילט מיט פראשעקלעך זיי זאלן רייף

ווערן און זיי נישט געלאזן וואקסן אין צייט. א קליינע און מיט

געפרעסטע האר איז זי בעזעסן אויפן עק פון די באנק, בעת זיי האבן

זיך ביידע צוגעזעצט אפרוען איינעם קליינעם וועלדל פון עטלעכע

צענדליק ביימער. און זיצנדיק האט זי נאך אמאל איבער געחזרט וואס

זי האט פריער געפרעגט אויפן ~~שששששש~~ וועג?

" פארוואס לאזט מען נישט די מייערן וואקסן?"

אירע קורצע פיס האבן נישט דערגרייכט צו דער ערד ,האט זי זיי

פארנומען אויף הינטן און געהאלטן אז מיט די היינטיקע מיידלעך איז

ווי מיט די היינטיקע מייערן, ~~שששששששששששששששששששששש~~

~~שששששקעט~~ וואס מען לאזט נישט וואקסן. שלמה בעלפער איז געזעסן אויפן

צווייטן עק פון די באנק. ער האט געהאלטן ביידע פיס אויסגעצויגן שטייף

און פארויס פאר אים און ער האט ~~געהאלטן~~ געמיינט אז אזוי ווי מיט די היינטיקע

מיידלעך איז אויך מיט די היינטצייטיקע בחורים. אבער מיט דעם האט

די קליינע פרוי נישט מסכים געווען און געהאלטן אז מיט בחורים איז

תמיד געווען אנדערש ווייל לויט די טראדיציע זענען זיי אלע מאל

געווען פון אן אנדערן סארט. די לאנגע באנק צווישן זיי איז געווען

ליידיק און אויך די קליינע פרוי האט גערעדט מיט א הויך קול ווי זי

וואלט געדארפט איבערשרייען א געבויגענע בריק. זי האט געוואלט

וויסן צי שלמה ~~שששששש~~ בעלפער ווייס וואס עס איז אזוינס טראדיציע.

און איידער ער האט איר געענטפערט האט זי אים געזאגט אז איר טאכטער

זעט אויס אזוי ווי די פראדיציע פארלאנגט: שווארצע, אליענדיקע האר, א בלייך פנים און זי זיצט אין דער היים און קוקט ארויס דורכן פענצטער. ווען שלמה האט דאס געהערט האט ער ארויפגעלייגט זיין שטיפן פוס אויף די באנק, ארויפגעצויגן אויף דעם אנדערן פוס און אזוי זיצנדיק מיט די אויסגעשטרעקטע פיס אויף דער ליידיקער באנק, האט ער געוואלט מען זאל א שמועס טאן צום ענין און קאנקרעט. איידער ער האט עס איר געזאגט האט זי שוין געוווסט זיין פארלאנג, ווייל זי איז געווען א קענערין פון מענטשן און זי האט עס אראפגעלייענט פון זיין פנים. און דערפאר איז אויך זי געווען גרייט צו הערן קאנקרעט וואס שלמה בעלפער פארמאגט. שלמה האט מיט א האנט אנגעוויזן אויפן גאנצן קיבוצישן ארום און געוויזן – זיין פארמעגנס.

דאס מאל האט די פרוי געלאכט. זי האט געוווסט אז דער קיבוץ געהער צו בן גוריונען און זי האט געוואלט וויסן וואס שלמה בעלפער פארמאגט זיין אייגנס.

"הונדערט און אכציק שבתים", האט שלמה בעלפער געענטפערט.

ביז איצט האט די קליינע פרוי אלץ פארשטאנען. דאס מאל האט זי נישט פארשטאנען וואס ער מיינט האט זי אויך אויפגעהויבן אירע קורצע פיס און זיי אויסגעשטרעקט אויף דער באנק. די לאטשן האט זי געלאזן אויפן בראז און מיט די סטאפעס האט זי אנגערירט די זוילן פון זיינע סאנדאלן. און אזוי זיצנדיק פיס צו פיס האט זי געמיטליך נאך א מאל איבערגעפרעגט איר פראגע מחמת זיין ענטפער איז איר נישט געווען צו קלאר און זי האט געוואלט וויסן וואס ער פארמאגט ממש. ממש אייגנטום.

שלמה בעלפער האט איר נאך א מאל דערקלערט אז דאס איז זיין אייגנטום
ממש און אז קיינער קאן דאס ביי אים נישט צונעמען און ער איז
אויך געווען מיט דעם זייער שטאלץ. ער האט איר צוגעזאגט, אז שפעטער
ווען זיי וועלן זיך אביסל אפרוען, וועט ער זיי אריינפירן אין חדר-
האוכל און דארט וועט ער איר ווייזן א לאנגע רשימה וואס הענגט
תמיד ביים אריינגאנג, און אז אויף דער רשימה זענען פארצייכנט די נעמען
פון מענטשן אין ילון וואס האבן זיך אנגעקליבן און פארמאגן שבתים
און זיין נאמען איז דארט פארשריבן אויפן ערשטן ארט. אלע איינוואוינער
אין ילון האבן זייער אייגנס אנגעקליבענע שבתים, ווייל נישט אלע מאל
באקומט מען א טאג רו נאך א וואך ארבעט, אבער אים איז דורך די יארן וואס
ער איז אפגעווען אין ילון, אויסגעקומען צו ארבעטן וואכן און חדשים
אן אפצורוען זיך א טאג, איז דאס אלץ פארשריבן געווארן. און אויך
די יערלעכע וואקאציעס וואס ער האט נישט אויסגענוצט זענען גענומען
געווארן אין חשבון, ביז ער איז געווארן אין ילון דער רייכסטער מאן
פון שבתים. אלע אנדערע זענען געווען זייער ווייט הינטערשטעליק לגבי
אים. ביז נישט לאנג צוריק איז אין ילון געווען נאך א מאן וואס האט
מיט אים קאנקורירט אויף דעם געביט, און יעדן חודש, ווען מען האט
ארויסגעהאנגען א נייע ליסטע, איז ילון געווען נייגיריק צו
וויסן ווער פון זיי איז אויפן ערשטן ארט. ווען יענער איז געשטארבן
איז שלמה בעלפער געבליבן, דער איינציקער, אלע מאל דער ערשטער אויף
דער רשימה, דער פרינץ פון שבתים אין ילון.

די קליינע פרוי/ האט זיך א שטופ געטאן אויף דער באנק, אריינגערוקט עטוואס איר פוס צווישן זיינע און זי האט געפרעגט:

"וואס קען מען טאן מיט הונדערט און אכציק שבתים?"

איצט האט שלמה בעלפער געלאכט ווייל אין ילון האט נאך קיין מאל קיינער אזא פראגע נישט געפרעגט. ס'איז קיין מאל ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען וועגן דעם. אלע מאל ווען ער איז אריין אין חדר-האוכל און זיך אפגעשטעלט לייענען זיין נאמען אויפן ערשטן ארט, האט עס אים פארשאפן פרייד און כבוד. און אנדערע זענען אים מקנא געווען. און באזונדער אין א פרייטיק צו נאכטס ווען מענטשן זענען געווען פרייער און געהאט מער צייט זיך אפצושטעלן און לייענען די רשימה. תמיד איז דארט געווען א געזעמל און ער אויף זייערע ליפן. אזוי האב איך אים געזען שטיין אין דעם פרייטיק צו נאכטס ווען ברוריה איז דאס ערשטע מאל געווען פריינטלעך צו מיר און מיט איר בליק אנגעוויזן ווי שלמה בעלפער איז געשטאנען ביים אריינגאנג אין דער חברותא פון פריילעכע מיידלעך און יינגען, און זיך געלאזן לויבן און לוסטיק מאכן אויפן חשבון פון זיינע אנגעזאמלטע שבתים. שוין דעמאלט, ביים עסן האט ברוריה מרמז געווען וועגן איר פלאן צו פארלאזן ילון, ווען ראלידער וועט צוריק קומען פון אויסטראליע און אוועק גיין לעבן צוזאמען מיט אים אין א יונגן קיבוץ, ווייט אוועק אויף א גרענעץ, ווו אלץ איז נאך ניי און אנהויב. דער רעיון וועגן נאך אמאל פארלאזן ילון איז שוין געווען ביי איר פארטיק נאך איידער ראלידער איז אוועק

געפארן קיין אויסטראליע, ניסט מער זיין רייזע איז געווען פאר איר אן אומבעריכטע זאך, ער האט עס געמאן פלוצלינג, און דערפאר האט זי בעווארט ער זאל צוריק קומען. אבער דערווייל איז ראלידער אין אויסטראליע געווען פארנומען מיט זיין שליחות. ער האט צוגערעדט דעם משרת פון יידישן קהל-הויז אין מעלבורן, פיטער נארטון, ער זאל פארן קיין ישראל, ווערן א חבר אין ילון און דארטן געפונען א נייעם אינהאלט אין לעבן. נאר פיטער נארטון האט ניסט געוואלט געפונען קיין נייעם אינהאלט אין לעבן. אן א תיים און א א זאפלער פון חלומות, ואס ער איין מאל, ווען ראלידער האט אים אהיימגע-נומען איבערשלאפן א רעגנדיקע נאכט אונטער א דאך, אים דערציילט ווי אזוי ער איז געזעסן צוזאמען מיט א מקלעט אויף א באנק און זיי האבן ביידע געקייט ברויט. ס'איז שוין געווען שפעט אין אוונט ווען ראלידער האט אים אהיימגעבראכט און דער זיידע און די באבע זענען שוין געשלאפן. ראלידער האט דעמאלט אין זיין צימער צונויפגעשטעלט פאר אים א בעלעגער. אונטערגעבעט א לענגלעך בענקל און עמלעכע שטולן מיט פלאכע קישעלעך פון זיידנס ווארשטאט, און אויך א קאלדרע האט ער געפונען. נאר איידער זיי האבן זיך געלייגט שלאפן האט אים ראלידער געפרעגט צי ער איז הונגעריק. פיטער נארטון האט א שאקל געטאן מיטן קאפ אויף יא. געררעדט האט ער ניסט. ניסט איצט אין שטוב. ניסט פריער אויפן וועג. זיי זענען אהיימגעקומען צופיס פון דעם קהל-הויז. און דער רעגן אויפן וועג איז געווען דראבנע און טריב. דארטן , לעבן קהל-הויז, אויף די ברייטע שטיגן פון שטיין

וואס האבן ארויפגעפירט צום פארנעמיקן בנין, האט אים ראלידער געטראפן. אויף איינע פון די בבייטע שטיבן, נאענטער צום טראטואר, האט פיטער נארסון בעדרעמלט. איינגעהילט אין א טונקעלען מאנטל, איז ער געזעסן איינגע- בויגן מיט זיין קאפ צו די קני און זיינע הענט, אריבערגעווארפן איבערן קאפ, האבן זיך אראפגעלאזט איבער די קני ביז צו זיינע שיך. ווען ראלידער האט אים א טרייסל געטאן און אויפגעוועקט, האט פיטער נארסון זיך אויפגעשטעלט, ארויפגערוקט אביסל העכער אויפן קאפ זיין האלב-פאליציייסקה היטל מיטן גלאנציקן דאשעק, און ארויסגעזוכט פון זיין מאנטל-קעשענע א פינקסל מיט בילעטן. ער האט אפגעריסן א צעטל, געגעבן ראלידערן און פארלאנגענדיק א שילינג צו געזאגט צו היטן ראלידערס אויטא. אבער ראלידער האט קיין אויטא נישט בעהאט. אויך קיין אנדערע אויטאס זענען דעם אוונט פארן הויז נישט בעשטאנען, און ס'איז גישט געווען וואס צו היטן. ראלידער האט אים געגעבן א שילינג און אים אריינגעפירט אינעווייניק אין פאר-זאל ער זאל דרעמלען אונטער א דאך און נישט אין דרויסן אין א רעגן. דאס איז דעם אויפזעער פון הויז נישט בעפעלן געווארן. אן עלטערער ייד, אביסל טויבלעך, מיט א צילינדער אויפן קאפ און וואנצעלעך פאר דרך- ארץ וועגן, האט ער חושד געווען פיטער נארסונען אז ער גנבהט פון זיין בופעט. דער אויפזעער האט אים אנגעדינגען צו היטן די אויטאס אין דרויסן און נישט גנבהנען זעמעלעך מיט פוטער פון בופעט. צי היטן די אויטאס האט פיטער נארסון נישט בעטויגט. עטלעכע מאל האט אים דער אויפזעער פארטריבן נאר פיטער האט זיך נישט געלאזט. בלויז שבת

און זונטיק, ווען דאס הויז איז פול געווען מיט מענטשן און די גאס ,
אנגעשטעלט פון ביידע זייטן מיט אויטאס, דעמאלט איז פיטער
נארטון נישט געווען צו געפונען אין ערגעץ נישט. אין א מיטן דער וואך,
אין א רעגן, ווען דאס הויז איז געשטאנען לער און די גאס איז געווען פוסט
און ס'איז נישט געווען וואס צו היטן, איז ער יא געקומען דרעמלען אויף
די שטיגן און גנבהנען פון אויפזעער בופעט זעמלעך מיט פוטער. א סך מאל
האט אים דער אויפזעער געכאפט. ער האט זיך אפגעקערט אויף א ווייל
און שוין האט ער געזען ווי פיטער נארטן איז געזעסן מיט אן אראפגע-
בויגענעם קאפּ און געשלונגען א זעמל. ווען ער איז צו און אים אנגעהויבן
טרייסלען האט ער געזען אז דער שייגעץ שלאפט גאר. שלאפט און קייט.
ער האט זיך גארנישט באנוצט מיט די הענט. דאס מויל אליין האט געשלונגען
און געקייט. שווייגנדיק/ האט פיטער נארטון אויפגעגעסן אלץ וואס ראלידער
האט ארויפגעשטעלט אויפן טיש. נאכן עסן האט ער אויף ראלידערס
פראגע נאך א מאל געשאקלט מיטן קאפּ אז ער וואלט געגעסן נאך. ער האט
אויפגעגעסן אלץ וואס ראלידער האט געפונען ביי דער באבען אין קיך. אויך
ביי איר אין שפּייכלערל. מייערן. א פעטרישקע, א רויטן בוריק. ראלידער
איז געזעסן לעבן אים און געקוקט ווי ער עסט שווייגנדיק. ער האט
געזען אז דער אויפזעער איז גערעכט געווען. פיטער
נארטון האט בעתן עסן זיך ווייניק באנוצט מיט די הענט.
ווי נאר ער האט אויפגעהויבן א מוציא ברויט אדער א מייער צו די ליפּן
האט שוין דאס מויל אליין געקייט און געשלונגען. א ברייטער, אויבערשטער

צאן האט בעטעלט פארגט אין זיין מויל און צוליב דעם האט זיך אויסגע-דאכט אז פיטער נארטון לאכט זיך אונטער פון מאל צו מאל אן א קול.

אזוי האט פיטער נארטון זיך אונטערגעלאכט בעת ראלידער האט נאך אין קהל-הויז אים געגעבן דעם שילינג. ער האט דעמאלט אראפגעלאזט פאכ-מעניש די מטבע אין דער טיפער קעשענע פון זיין מאנטל, אבער פריער האט ער באטראכט די מטבע פון ביידע זייטן און געדאנקט ראלידערן קנעכטיש צוויי מאל. אויך נאכן אפעסן ס'צווייטע מאל האט זיך נישט אנגעזען אויף פיטער נארטונען אז ער איז געווארן זאט. ער האט זיך אויך נישט געאיילט צו לייגן זיך שלאפן. ראלידער איז שוין געלעגן אין בעט און פיטער נארטון האט זיך לאנגזאם אויסגעטאן קוקנדיק אויף זיך אין שפיגל. א לאנגער שניידער-שפיגל וואס דער זיידע האט געשענקט ראלידערן א מתנה און ארייגעשטעלט צו אים אין צימער אריין. זיין נאסן מאנטל און די הויזן האט פיטער נארטון איבערגעהאנגען איבערן אנלען פון א שטול לעבן הייצפייער ווו פונאנדער געבלאזענע קוילן האבן נאך אביסל געטליעס, און אליין איז ער געשטאנען לעבן שפיגל און שששששש באטראכט זיינע קורצע ברודיקע גאטקעס. זיי זענען געווען פון א זומערדיקן שטאף און זיך אראפגעלאזט ביז צו זיינע קני. ער האט זיי ארויפגע צויגן אביסל העכער און אנטרעפנדיק אין שפיגל ראלידערס בליק האט ער גערעדט צו אים אין שפיגל אריין צום ערשטן מאל דעם אוונט:

"עפעס הייגט נישט אויסגעקומען צו האבן א באד", האט ער געזאגט אביסל אין א פארלעגנהייט. נישט וואס ער האט פארגעסן נאר ער איז

געוועזן פארנומען. אויך זיינע זאכן זענען געוועזן נאס און

צעריסן. ביים אראפציען פון פוס האט זיך איינער פון זיי צעריסן אויף

צוויי טיילן. די אויבערשטע טייל איז געבליבן אויפן פוס און

פיטער נארטון איז געזעסן און באטראכט דעם אונטערשטן חלק.
באטראכטנדיק דעם אונטערשטן חלק פון זאק וואס איז געבליבן אין זיין האנט
האט פיטער נארטון דערציילט

ראלידערן ווי אזוי ער האט זיך געפליושקעט אין וואסער צוזאמען מיט

א סקעלעט. אין דער שטאטישער באד איז עס געוועזן. א נאקעטער מאן וואס

האט זיך דארטן אויך געבאדן און דאס צוגעזען האט געזאגט אז

אויב דער סקעלעט קאָן זיך באדן פיליכט קאָן ער אויך עסן. האט

מען געמאן ווי דער נאקעטער מאן האט פארבעלייגט. מען האט זיי ביידן,

פיטער נארטונען מיטן סקעלעט אוועקגעזעצט אויף א באנק אין באד, דער

נאקעטער מאן האט זיי דערלאנגט מוציאס ברויט און ביידע זענען

זיי געזעסן און געקייט. פיטער נארטון האט אראפגעצויגן דעם אויבערשטן
חלק זאָק פון זיין פוס, אויסגעלייגט אלע דריי חלקים לעבן פייער צום טרוקענען
און צוגעגעבן אז בעת דער סקעלעט האט געקייט האבן זיינע

ביינער זיך געשאקלט.

אויף צו מארגנס האט די באבע געשמייכלט מיט כוונה און געווארט

ראלידער זאל איר דערציילן וועגן הונגעריקן גאסט וואס האט

אויסגעליידיקט איר קיך. זי האט אויפגעהערט שמייכלען ווען זי איז

אריין אויסלופטערן ראלידערס צימער. א גאנצן טאג האט זי געהאלטן דאס

פענצטער אפן און דער געשיינער גערוך איז נישט פארגאנגען. איז זי

ארומגעגאנגען מיט א פלעשעלע פערפיום, פייכט געמאכט א פינגער און איבערגעלאזט דא און דארט שמעקעדיקע פלעקן. געהאלפן האט עס נישט. מחמת ראלידער האט א צווייט מאל אהיימגענומען פיטער גארטונען איבער שלאפן א נאכט. נאך די ערשטע נאכט, אין דער פינצטער, ליגנדיק אויפן געלעגער, האט פיטער נארמון גערעדט. ער איז יא זאט געווארן און ס׳איז אים געווען ווארעם אין בויך. אזוי ווארעם אין בויך איז אים געווען ווען ער האט א מאל אויפגעגעסן א קעלבל צוליב אנטי-סעמיטיזם. ס׳האט זיך געמאכט אז א מאל איז אים אויסגעקומען צו באווייזן אן אנטיסעמיט וואס א ייד קען טאן. ראלידער האט נישט געוווסט אז פיטער נארטון איז א ייד. בלאנד און הויך און ברייט האט ער אויסגעזען ווי [illegible] א שווער. פיטער נארטון האט עס געהאלטן בסוד כדי די פרנסים פון שטאט זאלן אים נישט פארטרייבן פון קהל-הויז. א סייגעץ האט זיי נישט אויסגעמאכט. א ייד וואלטן זיי זיך געשעמט צו האלטן ביי אזא פרנסה. האט ער קיינעם נועגן דעם נישט אויסגעזאגט כדי זיי זאלן אים לאזן דרעמלען אויף די ברייטע, פאראדנע טרעפ. נאר פיטער נארטון האט נישט געדרעמלט. ער האט זיך בלויז געמאכט אזוי שלאפן כדי מען זאל אים נישט טשעפען און לאזן צורו. אין דער אמתן איז ער געזעסן אזוי ארייננעגומען אין זיך און אין זינען געהאט זיינע חלומות. ער איז געווען א קלייבער פון חלומות. זיינע אייגענע חלומות. אלע חלומות וואס ער האט גערענקט האט ער געהאלטן אויפן קאפ און זיצנדיק אויף די טרעפ פארדרעמלט האט ער זיי אין זיך געחזרט כדי זיי זאלן נישט אין אים פארגעסן ווערן. ער האט אויך געזוכט

זיינע פארגעסענע חלומות און עס פלעגט אים א מאל געלונגען אויך צוריק צו רופן א פארגעסענעם חלום. אז זיין קאפ איז געווען פריי. אבער נישט אלע מאל איז ער פריי געווען. פרויען זענען אים געלעגן אויפן זינען. זינט איך אן איינגעבויגענער אויף די טרעפ האט ער זיך בעגומען אין זינען א שיינע פארבייגייערין און באנאכט איז ער מיט איר געשלאפן. ער האט שוין געהאט זיינע אפגעקליבענע פארבייגייערינס. אויך צווישן די וועלכע פלעגן ארויפקומען אויף די ברייטע שטיגן צום קהל-הויז אויפן וועג צו א קאנצערט אדער א טעאטער. צו מאל האט זיך געמאכט אז נאכט נאך נאכט האבן זיי אים נישט געלאזט צו רו. אין זומער איז דאס שלאפן נישט געווען קיין דאגה. ער האט שוין געהאט זיינע פלעצער אויפן שיינעם שטאטישן בית-עולם וואס האט זיך פארבייגעצויגן אויך אקעגן דעם בנין פון דעם יידישן קהל-הויז. דארט, אויפן בית-עולם, איינגעוויקלט אין א קאלדרע, פלעגט ער ליגן מיט איינע פון זיינע פארבייגייערינס אויפן זינען און זיך מעשה-אונז-זיין. ער האט עס געטאן בכּוונה, געצוווּנגענע-רהייט, ווייל ס'האט אים נישט לגמרי צופרידן געשטעלט. תמיד נאך אזא נאכט איז ער אויפגעשטאנען אין ערגערניש, און עגמת-נפש איז געלעגן פארלייגט אויף זיין הארץ און אין אזא מין טאג איז ער צו קיין חלום נישט דערגאנגען. דערפאר האט ער געבראכן זיין שבועה וואס ער האט געגעבן זיין טאטן דעם פראפעסאר פון אוראלטע געשיכטע, נישט צו שלאפן מיט שאנד-פרויען. ביז צוועלף יאר האט פיטער נארטון געהאט בלאנדע האר וואס האבן זיך אראפגעלאקט ביז צו זיינע אקסלען. ווען מען האט אים

אפגעשוירן די האר האט דער טאטע אים באשווערט ער זאל קיין מאל אין זיין לעבן נישט שפּט ליגן מיט א שאנד-פרוי. פון דעמאלט האט פיטער נארטון זיך אנגעהויבן איינהאלטן כדי נישט צו ברעכן די שבועה. אויך דעמאלט ווען ער האט געהאט א ווייב און א שוועסטער. דער עניין מיטן ווייב האט זיך פארצויגן א יאר אדער צוויי און די גאנצע צייט האט זי געשפיגן קליינע שפייעלעך. טרוקענע שפייעלעך אויף רעכטס און אויף לינקס. אז זי האט נישט געשפיגן האט דאס שפייעכץ זיך אנגעזען צווישן אירע ציין. בייזלעכע ציין און דאס שפייעכץ בלישטשענדיק און שששששש פארשוימט. פיטער נארטון האט געפילט אז אייגנטלעך האט גאר געדארפן זיין פארקערט. דאס ווייב האט געדארפן זיין זיין שוועסטער, און זיין שוועסטער - זיין ווייב. ער האט אלע מאל געפילט אז אזוי וואלט געווען מער רעכטפארטיק און ער האט עס איין מאל אפילו געזאגט. נאך א מסיבה, אביסל פארשיכורט , ווען זיי זענען אלע דריי אהיימגעקומען שפעט אין דער נאכט, האט ער געזאגט דעם ווייב זי זאל זיך ארייננשארן אין צווייטן צימער ווייל ער האט געוואלט בלייבן אליין מיט ששש זיין שוועסטער כדי מיט איר עפעס צו רעדן. דאס ווייב האט אים נישט געוואלט פאלגן. זי האט זיך באקלאגט אז זי ווארט שוין אויף דעם די גאנצע צייט. אז שוין צוויי יאר ווי זי ווארט ערזאל מיט איר רעדן און ער האט עס נאך אלץ נישט געטאן. און לענגער ווארטן האט זי נישט געוואלט. אבער אויך פיטער נארטון האט שוין לענגער ווארטן נישט בעקאנט און ער האט געדארפן בלייבן מיט זיין שוועסטער אליין

כדי צו זאגן איר אונטער פיר אויגן וואס ער מיינט. וועגן דעם טויש.

ער האט דעמאלט פארשפארט דאס ווייב אין אנדערן צימער און
שוועסטער און ווייב זענען דעמאלט
געזאגט דער שוועסטער זיין געדאנק. פארשווונדן
געווארן און ער האט זיי מער נישט געזען. זיי האבן אים נישט פארשטאנען.
אויך נישט אלע שאנד-פרויען האבן פארשטאנען וואס ער וויל. ער האט
געוואלט מען זאל קש אים קושן מיטן שפיץ צונג ווו דער צאן האט
געפעלט. דאס האט געקאסט געלט. אז עס איז געווען געגוג געלט איז עס
געווען גוט. אבער נישט אלע מאל איז געווען געגוג.דערפאר פלעגט ער
אויך א מאל גלייך פון דער שאנד-פרוי לויפן אויפן שטאטישן בית-עולם,
אויסזוכן א היימיש פלאץ און זיך נעמען אין זינען אריין איינע פון
זיינע שיינע פארבייגייערינס. זיין ערעגערנישן האט זיך בענומען פון
דעם וואס זיינע פארבייגייערינס האבן אים אפגענארט. זיי האבן אים
תמיד בעלאזן אליין. זיין אליין איז אים נישט געווען קיין צער. ער
איז געווען צו דעם צוגעוווינט און ס'האט אים נישט שששששששששש
אנטוישט. זיינע פארבייגייערינס האבן אים יא אנטוישט צום סוף. יעדע
איינע פון זיי נאך דעם ווי ער האט זיך מיט איר מעשה-אונגן געווען,
האט זי אים פארלאזט און ער
פלעגט זיך דערשפירן אליין אויפן בית-עולם, איינזאם און טרויעריק.
אייגענטלעך האט ער אויפן בית-עולם אנגעטראפן ראלידערן צון ערשטן
מאל. פיטער שששש נארטון האט געדענקט אז ער האט געזען ראלידערן אויף
דער לוויה פון נתן אורבאך, דעם בילעטן פארקויפער פון יידישן טעאטער,
אין אויסטראליע. אויך פיטער נארטון איז דארטן געווען. נתן אורבאך

דער בילעטן פארקויפער איז געווען דער איינציקער וואס האט געוווסט אז פיטער נארטון איז א ייד. א מאל איז געווען צווישן זיי א פלאן ער זאל ירשהנען פון נתן אורבאכן דאס בילעטן געשעפט. און פיטער נארטון האט צוליב דעם צוועק שוין שטודירט דעם כאראקטער פון דעם יידישן טעאטער-גייער. ער האט געדארפן וויסן פון אויסנווייניק יעדן איינעמס אייגנשאפטן און די פלעצער אין טעאטער אויף וועלכע ער האט האלט צו זיצן. נתן אורבאך האט אים בעגעבן א פלאן פון דעם טעאטער-זאל, אויסבעפולט די פלעצער מיט די נעמען פון די טעאטער-גייער און פיטער נארטון , זיצנדיק אויף די טרעפ פון דעם קאלטן [illegible]-בנין, האט שטודירט און זיך [illegible]

איינגעחזרט די נעמען . פיטער נארטון איז שוין געווען אויף א וועג מיט דעם פלאן און אלץ וואלט זיכער צושטאנד געקומען ווען ער וואלט נישט געווען פארנומען ערגעץ אנדערש שבת און זונטיק. מחמת בראד אין די טעג פלעגט מען שפילן יידיש טעאטער און דעמאלט איז פיטער נארטון געווען פארנומען אויף תמיד, [illegible]

נתן אורבאך האט דעמאלט געזוכט א צווייטן יורש און נישט געפונען. ער האט געזען אז דאס יידישע טעאטער אין אויסטראליע גייט אונטער און פארגייט , האט ער זיך איבערגענומען מיט דער לאגע און געשטארבן.

ביים לעבן פלעגט נתן אורבאך מקרב זיין פיטער נארטונען.

ער פלעגט אים אהיימנעמען צו זיך און ביידע פלעגן זיי זיצן ביי א פענצטער אין זיין שטוב און ארויסקוקן אין דרויסן ארויס. קיין סך צו זען איז דורכן פענצטער נישט געווען. א שמאל בלינד געסל פון א פינף-זעקס שטיבלעך.

א בוים לעבן א פארקן, א שמעס קאץ וואס שפאנט אויפן ראנד פון א דאך, א שכן מיט בעליימטע פיס אויף אן אינוואלידן-שטול. דער שכן האט זיך קוים ארויסבעזען פון די ארומגעוויקלטע קאלדערעס. ער האט זיך אריינגעשטופט מיט די רעדלעך פון דער שטול אינעם ראוויקל פון גאס און נישט געהאט קיין כוח זיך פון דארט ארויס צו שטופן. פלעגט ער אפזיצן דארט מיט דער שטול אינעם ראוויקל פון דער גאס און ער פלעגט ווארטן ביז עמיצער וועט פארבייגיין און אים ארויסהעלפן. אבער קיינער פלעגט נישט פארבייגיין אינעם בלינדן געסל. האט ער יעדן טאג געווארט ביז די פריילעכע יינגלעך וועלן נאכמיטאג אהיימגיין פון שול און אים פון דארט ארויסשטופן

אלע מאל ווען דער געליימטער שכן פלעגט דערהערן די יינגלעך אנקומען איז ער געווארן פריילעך, אויך נתן אורבאך און פיטער נארטון ביים פענצטער זענען געווארן פריילעך צוזאמען מיט אים און געווארט ביז די יינגלעך וועלן זיך ארומשטעלן ארום שכן פון הינטן און ביי די זייטן און, אפצוילנדיק ביז דריי, אנהויבן שטופן די שטול מיט געלויף און נאך דעם מיט זגמאך א פליק טאן פארויס דער שכן זאל דערפארן ביז צום

עק פון בלינדן געסל. און די יינגלעך האבן און געלאכט
און דער שכן מיט זיין לעגנאוים דעם געסל און נתן אורבאך
און פיטער נארטון האבן מיטגעלאכט דורכן פענצטער. נאר נתן אורבאך האט
שוין דעמאלט געלאכט ווי א געשטארבענער. מיט זיינע גרויסע אויגן האט
ער שוין דעמאלט אריבערגעקוקט אויף דער צווייטער זייט פון דער היגער
וועלט. ער האט שוין דעמאלט געוווסט אז ער וועט קיין אקטיאר נישט ווערן.
א סופלאר איז ער יא א מאל געווען. ער איז אויך געווען א קארגער און
נישט געגעבן נארטונען צו עסן. ס'ווייב האט נישט געלאזט.
נתן אורבאך אליין האט געשפארט א פונט צו א פונט כדי נאך זיין טויט זאל
די משפחה נישט בלייבן אויף הפקר. זיין מורא איז געווען אז דאס
יידישע טעאטער וועט אונטערגיין און ער אליין וועט שטארבן פאר דער
צייט. אזוי איז טאקע געשען. זיין מורא איז מקוים געווארן. נתן אורבאך
איז געשטארבן און דעם גורל פונעם יידישן טעאטער אין אויסטראליע
האט מען נישט ע/ געוווסט. מיט דעם איז פיטער נארטון, די
ערשטע נאכט ווען ראלידער האט אים אהיימגענומען צו דער באבען אין
שטוב ארײַן איבערשלאפן א נאכט אונטער א דאך, איינגעשלאפן. פארן
איינשלאפן האט ער פארלאנגט פון ראלידערן אן ענטפער אויף דער פראגע.
ער האט געוואלט וויסן וואס וועט זיין די לעזונג פונעם יידישן
טעאטער אין אויסטראליע. דעמאלט האט ראלידער גערעדט צו אים וועגן
יידישן לאנד - ישראל. פיטער נארטון האט נישט געוואלט הערן
וועגן ישראל פון דעסטוועגן האט ער זיך נאך א מאל געלאזן אהיימפירן

צו דער באבען אין שטוב אריין און איבערשלאפן א נאכט ביי ראלידערן

אין צימער. אויך דאס צווייטע מאל האט ער אויסגעגעסן אלץ וואס עס איז

געווען צו געפונען ביי דער באבען אין קיך און נאך דעם האט ער

ראלידערן אויסגעלערנט ברומען דעם ניגון צום טאנץ

פון די פולע בייכער. זיין טאטע ,דער פראפעסאר פון אלטערטום האט אים

אויסגעלערנט דעם ניגון ווען פיטער איז נאך געווען א יינגל. די יעגער

פון שבט זענען צוריק געקומען מיטן פאנג, די ווייבער האבן

צוגעגרייט דאס שפייז און נאכן עסן זענען די מענער בעגאנגען דעם

טאנץ פון די פולע בייכער. זינגענדיק דעם טאנץ האט פיטער גארטון

ארויסגענומען פון דער טיפער מאנטל-קעשענע דעם שילינג וואס ראלידער

האט אים בעהאט געגעבן. טלעכע וואכן איז ער דארטן אפגעלעגן און

איצט האט ער ארויסגענומען די מטבע און צוריק בעגעבן ראלידערן

דאס געשאנק. ער האט געלאכט אן א קול און זיך מתוודא געווען אז היטן

אויטאס איז נישט זיין אמתדיק פאך. אין דער אמתן איז ער אן איגדלער,

ער קאן רייטן אויף די כוואליעס פון ים. אין אן עת-

צרה קאן ער אויך וואשן כלים. אויפן וועג קיין אויסטראליע האט ער אויף

די שיף געוואשן כלים. זיין ים־ברעג צום רייטן אויף די כוואליעס האט ער נישט פארקויפט. ער האט

עס געבראכט קיין אויסטראליע און עס בעלאזן שטיין

אין א שטוב ביי זיינס א פריינט. צו יעדער צייט אזער וועט עס

דארפן וועט ער עס אפנעמען. ער וואלט עס אפשר געטאן ווען ער

וואלט בעווען זיכער אז עס

אויפן ישראלדיקן ים זענען דא גרויסע כוואליעס און ווען מען וואלט

אים אין א קיבוץ געלאזן וואשן כלים.

דעמאלט האט ראלידער גערעדט מיט בצלאל בצלאלן וועגן דעקן פיטער גארטונגס רייזע-הוצאות קיין ישראל. בצלאל בצלאל האט נישט געוואלט פון דעם הערן. ס'האט זיך אים אויך נישט געלאזט צוגלויבן אז פיטער גארטון איז טאקע א ייד. ער האט געוווסט אז אויף דער וועלט זענען אויך פאראן יידן פון דער אונטערוועלט אבער דא אין אויסטראליע האט נישט געקאנט פאסירן. לויט זיין פארשטאנד איז נישט מיגלעך געווען אז א ייד אין אויסטראליע זאל זיך אזוי אויפפירן און אראפזינקען צו אזא שפלה מדרגה.

"נישט אין אויסטראליע", האט ער זיך געעקשנט וועגן ראלידער האט גערעדט צו אים וועגן די הוצאות. ער האט אויך נישט געוווסט וואס אזא מין הולטיי וועט טאן אין ישראל און וואס ישראל וועט טאן מיט אים. דאס יידישע לאנד האט זיך געניייטיקט אין טיכטיקע מענטשן - פראקטיש און געניט. אזעלכע וואס ווייסן וואס זיי טוען און וואס זיי ווילן. אזעלכע ווי ער. ער וואלט געקענט זיין א ביישפיל. אלע זיינע יארן וואס ער האט אפגעלעבט אין אויסטראליע זענען געווען קדוש למען ישראל. בצלאל בצלאל איז דארטן געבוירן געווארן און האלב ראשון לציון איז זיין משפחה. זיין טאטע נאך איז געקומען אויף דער עלטער אהין שטארבן. פון דעמטוועגן האט ער באוויזן דארטן נאך א מאל חתונה צו האבן, צוויי מאל, און אויפגעשטעלט א נייעם דור פון פיר זין און צוויי טעכטער. בצלאל בצלאל האט געדענקט זיין טאטן אלט און געבויגן מיט אן אויסגעקראכן בערדל, געלבלעך און שטרויאיק, אבער מענטשן וואס האבן אים געדענקט נאך פון

גלות, האבן געוווסט צו דערציילן אז זיין טאטע איז געווען א הויכער און א רויטער און ערהאט געהאט א הארן אויפן שטערן. שוין זייענדיק אין ישראל האט ער געלאזן דעם הארן אפשניידן מחמת ער האט נישט געוואלט מען זאל אויף טייטלען מיט א פינגער און אנווייזן אבער דער הארן איז אים אנגעוואקסן צום צווייטן מאל. אז ער איז בלויז א האלבער משה רבינו. די וועלכע האבן אים געדענקט פון גלות האבן געוווסט צו דערציילן אז איידער ער איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, איז ער ארומגעגאנגען איבער די הייף פון שטאט, פארריסן זיין הארן צו די פענצטער און געשריגן:

"יידן, גיט מיר אפ מזל-טוב! איך פאר קיין ישראל שטארבן!"

בצלאל בצלאל האט ביי זיך אפגעמאכט אז ער וועט אזוי לאנג נישט ווארטן. ער וועט ליקווידירן זיינע געשעפטן, אביסל מער אביסל ווייניקער, אבי קומען צו דער צייט אהיים. ער האט געוווסט און ער איז געווען זיכער אז אין ישראל ווארט מען אויף אים, אבער נישט אויף אזא ליידאק ווי ס'איז פיטער נארטון.

ראלידער האט נישט געדארפן דערציילן בצלאל בצלאלן ווער פיטער נארטון איז. בצלאל בצלאל האט עס אליין געוווסט. ער איז געווען א בעל-הבית פון דעם קהל-הויז און פיטער נארטון האט זיך דארטן געוואלגערט פארשיכורט אויף די טרעפ. די שילינגען האט ער גענומען , די אויטאס נישט געהיטן. צו מאל פלעגט עס בצלאל בצלאלן אויפרעגן ביז גאר און אריינקומענדיק אין הויז פלעגט ער פארווארפן דעם אויפ-זעער פארוואס מען האלט אזא מין שיכור און מען איז אים נישט מטולק פון דעם שיינעם פלאץ. מחמת דער אריינגאנג צום הויז איז געווען שיין, שטיגן פון העלן מארמורשטיין, ברייט און

פארנעמיק, און דא איז ער געלעגן פיטער נארטון דער בעטלער און ווי
א פינצטער פעקל פארשעמט דאס פנים פון הויז. האט ראלידער דערציילט
בצלאל בצאלן אז דארט האט ער אים טאקע געטראפן. איינגעהילט אין זיך
ווי א קארליק איז ער געלעגן אויף די טרעפ און אין דרויסן איז געווען
נאכט און ס'האט גערעגנט. גאר מיט נאכט און רעגן האט פטשט בצלאל בצלאל
זיך נישט איבערגענומען און ערהאט געהאלטן אז דאס קאן אזא איינעם
ווי פיטער נארטון נישט פארשאדטן מחמת ער איז צו דעם צוגעוווינט.
דעמאלט האט נינא בצלאל זיך אגבערופן און זיך אריינגעטישט אין די
רייד. צוליב איר שטיל קול האט מען זיך געכאפט אז זי רעדט ווען זי
האט שוין געהאלטן אין מיטן . האט זי איבערגעחזרט פון אנהויב און
דערציילט אז ווען זי איז געווען א קליין מיידל מיט קורצע צעפלעך
האט זי דורך א פענצטער געזען ווי א שכנה שאט מאכט פיש אויף שבת.
די שכנה האט געשאבן די שיפן און דער לעבעדיקער פיש האט געפאטשט מיט
וויידל. האט נינא דעמאלט אריינגעשריגן דורכן פענצטער אז מען טאר
נישט פייניקן קיין פיש. ס'טוט זיי וויי. האט די שכנה דעמאלט א קוק
געטאן אין פענצטער צו זען ווער דאס איז. זי האט אים נישט אפגעלאזט
דעם פיש און אים געהאלטן ביים קאפ. זי איז געווען א ברייטע פרוי
מיט א קיילאכדיק פנים און די ווענט אין איר קיך זענען געווען באהאנגען
מיט בראנזענע פאנען. אויך איר פנים איז געווען געשייערט ווי א פאן.
"נאריש מיידל"- האט זי געשריגן צו נינאן - פיש פילן נישט קיין
ווייטיק. זיי זענען צוגעוווינט."
זיצנדיק ביי בצלאל טשטקש בצלאלן אין שטוב איז דעמאלט ראלידערן

איינגעפאלן אז זייער עשירות אין אויסטראליע איז געווען גינאס אויפטו
און בצלאל בצלאל האט בלויז צוגעטןפעט מיט די פיס. ס'איז געווען
בצלאל בצלאלס טבע צוטופען ביים רעדן מיט א פוס. זיצנדיק אויף אן
הארטע שטול ביים זיידן אין שניידער-שטיבל, פלעגט בצלאל בצלאל ,
קומענדיק אפגעמען ראלידערן כדי אים צו פירן דא און דארט וועגן
די ענינים פון זיין שליחות,.דערווייל אריינכאפן א ווארט דא, א ווארט
דארט, וועגן זיך און וועגן ארץ ישראל און צוטופען מיט א פוס.ביידע
גראבע פינגער פארשטעקט אין די ארעמס פון ששקששששעססטסקעשעטעש
זיין וועסטל, אדער אין די וועסטל קעשענקעלעך, האט ער געהאלטן אז אויך
די באבע און דער זיידע דארפן נישט שששטטקש נאכטאן די אמאליקע
דורות, נאר פארן קיין ישראל לעבן. דער זיידע האט מיט אים איינגע-
שטימט און געהאלטן אז די אמאליקע דורות זענען טאקע געווען פארנארישט
און אז די היינטיקע זענען געווארן קליגער , און אויך די באבע האט
זיך געוווּנשן זי זאל שוין דערלעבן דעם טאג. כאטש קיין דרך ארץ פאר
בצלאל בצלאלן האט זי נישט געהאט. זיין עשירות באזונדער, איז זי
געווען מיט איטששששש ברוגז דריי מאל א יאר. פסח, שבועות. סוכות.
דעם צווייטן טאג פון יעדן יום-טוב, בעת יידן אין אויסטראליע זענען
געגאנגען דאווענןשש און זי אליין איז געווען אויף איר וועג אין
שול אריין, פלעגט זי זען בצלאל בצלאלן פארבייפארן אין זיין אויטא
אויפן וועג צו פירן זיינע געשעפטן. א גאנץ יאר האט בצלאל בצלאל
אפגעהיטן יידישקייט און זיך אויפגעפירט ווי א פרומער ייד און אז עס
איז געקומען א צווייטער טאג יום-טוב איז ער געווארן א גוי. דאס האט

די באבע נישט געקאנט באגרייפן. דוקא אין א יום-טוב - א גוי.

דאס וואס דער זיידע האט איר געפרווופט דערקלערן וועגן דינים און

הלכות,אז א ייד פון ישראל, אפילו ווען יארן אין גלות, אויב ער טראכט

צו פארן צוריק אין הייליקן לאנד, מעג ער זיך אויפפירן לויטן דין פון

ישראל , און ס'איז רעכט אזוי - האט זיך ביי דער באבען נישט געקלעפט

אין געדאנק, און פויך אויפן זיידן האט געגרימט אין איר א

פארדראס ווען ער האט איר פארויסגעזאגט אז ווען זיי וועלן אנקומען

קיין ארץ ישראל וועלן זיי אויך דארטן אפהיטן בלויז איין טאג יום-טוב.

אזעלכע רייד פון זיידן האבן ביי דער באבען קאליע געמאכט דעם

געוווונשענעם טאג. אבער זי האט געוווסט בעסער פארן זיידן און בעסער

פאר בצלאל בצלאלן כאטש יענער איז דארטן געבוירן געווארן און געלעבט.

זי האט געוווסט אז זי וועט קיין מאל אין איר לעבן נישט מותר זיין

אויף אזעלכע שיינע יום-טובדיקע טעג, און אפילו ווען זי וועט זוכה

זיין צו קומען קיין ארץ ישראל, וועט זי אויך דארטן אין דעם שטייגער,

זיך אויפפירן ווי זי האט זיך אויפגעפירט אלע יארן אין גלות. זי האט

געמאכט ראלידערן פאר איר עדות. כאטש זינט ראלידער האט אנגעהויבן

אהיימברענגען פיטער נארטוגען

פארטייעטערהיים אין שטוב אריין, האט זיך אוועקגעלייגט א שאטן

צווישן זיי און אויפגעוועקט אין איר הארץ א פארדראס.

ראלידער האט איר נישט אויסגעזאגט

דעם נאמען פון פארבארגענעם אורח און זי האט ווייטער

בעדארפן ארומגיין אין זיין צימער און איבערלאזן מיט א פינגער

פי־כטע שמעקעדיקע פלעקן. איין מאל האט זי נישט אויסגעהאלטן און אריינגערופן דעם זיידן אין ראלידערס צימער ער זאל א שמעק טאן. דער זיידע איז אריינגעקומען, געשמעקט און נישט געשפירט,נישט דעם געמיינעם גערוך און נישט דעם פערפיום, אבער פארדראסן האט עס איס סיי ווי און ער האט זיך פארגענומען צו נעמען ראלידערן אויף א פארהער. די באבע האט געוואלט אז דערווייל זאל דער זיידע אויסשפירן ווער דער אורח איז. זי האט געוואלט אז אין א באגינען, נאך איידער ער שטעלט זיך דאווענען און איידער דער הונגעריקער גאסט שלייכט זיך ארויס אומבאמערקט פון שטוב, זאל דער זיידע, דרך-אגב אדער על פי טעות, עפענען אויף א שפארונע די טיר פון ראלידערס צימער און כאפן א קוק אויף דעם גאסט וועלכער קומט שפעט אין דער נאכט און פארשווינדט אאן גרויען באגינען און מען ווייס נישט ווער ער איז. דעם זיידן איז נישט געפעלן געווארן דער באבעס פארשלאג און ערהאט זיך געגרייט צו פאדלען ראלידערן אפן אין די אויגן אריין. [illegible] זאל ראלידער זאגן דעם אמת און בארנישט באהאלטן. אבער ,שטייענדיק אין א באגינען, אין טלית און אין תפילין, האט דער זיידע פארנומען א לייכטן סקריפ פון דער הינטער-טיר,וואס האט זיך געעפנט און פארמאכט, און באלד האט ער [illegible] געזען אינעם בלוילעכן ליכט דורכן פענצטער, ווי פיטער נארטון שלייכט זיך פארביי. דעם גאנצן טאג איז דער זיידע געווען אנגעבלאזן און נישט ארויס-גערעדט קיין ווארט. אין אוונט האט ער פארגעהאלטן פאר דער באבען וואס ער וועט פארהאלטן פאר ראלידערן און ער וועט אים זאגן אין פנים אריין

אז מען וויל נישט קיין אנטיסעמיטן אין שטוב. אז מען וויל נישט קיין שיכורע גויים פון דער אונטערוועלט, לייזיקע יינגען וואס בעטלען נדבות אויף די טרעפ פון יידישע קהל-הייזער אין אויסטראליע. די באבע האט בגלאזן דעם זיידן זיך אויסשרייען און נאך דעם האט זי געמיינט אז מען דארף נאך פון דעסטוועגן זיך איינהאלטן און אונטערוואַרטן א שטיקל צייט, ווייל ס'קאָן געשען אז ער זאל שוין מער נישט קומען אהער. אז מיט אזעלכע לייט קאָן מען קיין מאל נישט זיין שטענדיק זיכער. אז זיי ווערן פארשווונדן און מען ווייסט נישט ווו זיי זענען און מען זאל ווארטן און זען. דער זיידע האט ווארטן נישט געוואלט. אבער ס'איז געשען אזוי ווי די באבע האט געמיינט. ראלידער האט אויפגעהערט ברענגען פיטער נארטונען צו זיך אין צימער אריין. פיטער נארטון איז אינגאנצן פארשווונדן געווארן און גראד דעמאלט ווען בצלאל איז געווען ווילק צו דעקן די רייזע הוצאות, בעקויפט א שיפס-קארטע, און די רייזע איז שוין געווען פעליק און ער האט בעדארפן עולה זיין קיין ישראל.

פיטער נארטון איז נישט געווען צו געפונען. דער אויפזעער פון קהל-הויז האט בעפסקנט – געשטארבן. אז אזא איינער ווי פיטער נארטון ווערט פארפאלן איז עס נאר אונטער די רעדער פון א טראמוויי און אויף נישט צו דערקענט ווערן. ראלידער האט געפועלט ביי בצלאל בצלאלן ער זאל אים העלפן זוכן פיטער נארטונען. פאליציי. צייטונגען. בצלאל בצלאל איז נישט געווען אזוי אומצופרידן פון דעם טוף. ער האט

זיך בעשעפט און נישט געוואלט ס׳זאל ווערן באקאנט אז ער האט געדעקט
די רייזע-הוצאות פאר פיטער נארטון קיין ישראל און אז עס האט זיך
בעמאכט אז מען האט דעם בחור איבערגעפארן מיט א טראמוויי, האט זיך
עס געענדיקט גוט פאר אלעמען. ער האט געהאלפן זוכן דעם מת. ראלידער האט
אויך גענומען צו הילף זיין פריינט פראפעסאר מארצין גאלדמאן. מארצין
גאלדמאן האט בעהאט קענטשאפטן מיט א בעוועזענעם דעדעקטיוו און מיט
אן אגענט פון א פארזיכערונגס-געזעלשאפט און ביידע האבן זיי געוווסט
וואס מען דארף טאן און ווי אזוי זיך צו באגייען אין אזעלכע פאלן.
מארצין גאלדמאן אליין האט זיך געענדערט זינט ער איז צוריק געקומען
פון ישראל. ער האט זיך פארלאזט א באַרד און געוואַרן א זוכער
פון גאט. ער איז נישט געווען אליין אין דעם. ס׳איז געווען א קליינער קלוב וואס האט זיך געשאפן מיט זיין איניציאטיוו און צו
דעם קלוב פון די גאט-זוכער האבן אויך בעהערט דער בעוועזענער דעדעקטיוו
און דער אגענט. זיי האבן דורכן גאדלמאנען צוגעזאגט צו טאן אלץ וואס
איז מיגלעך כדי ארויף אויף די שפורן פון פיטער נארטון. פיטער נארטון
האט קיין ספירן נישט איבערגעלאזט. נישט קיין שום גואל, נישט קיין
קרוב איז נישט געווען אין וואס זיך אנצוכאפן. אבער ראלידער האט
געדענקט ס׳ים-ברעט וועגן וועלכע פיטער נארטון האט אים דערציילט,
און אז ער האט עס געהאלטן גרייט ביי א פריינט אין א שטוב. איז
עס געווען פאר אים א סימן אז פיטער נארטון האט יא געהאט א פריינט.
איינעם פריינט און אין ים-ברעט האט ראלידער זיך אנגעכאפט,
כאטש ס׳האט בעקאנט גריילעך זיין אז מער ווי

וואר זענען ביידע געווען דאַיין.

דעמאלט האט אויך נעד פאלעס בעהאלפן זוכן פיטער גארמונען.

נעד פאלעס איז צוריק בעקומען פון אן אינדזל אין צפון פון לאנד ווו ער האט בעלעבט א צייט צווישן די אבארידזשינים פון אויסטראליע.

צוריק קומענדיק האט ער אויך נישט פארגעסן צו ברענגען מתנות. דעם ייידן האט ער געבראכט א לעבעדיקע שלאנג אין א גלעזערנעם סלוי און פאר דער באבען - ביילאן זאקן און זיידענע שאטקעס פאר איר שייטל. די שלאנג און די זאקן און די שאטקעס האט נעד פאלעס געפונען צווישן די ווילדער אייגנווינער אויפן אינדזל. ביי דער באבען אין שטוב האט ער דערציילט אז אין דער צייט פון דער מלחמה איז לעבן די ברעגן פון אינדזל איבערגעריסן געווארן אן אמעריקאנישע קריגס-שיף. די שיף איז זיך צעפלויגן אין דער לופט און צוזאמען מיט די שיף זענען געפלויגן אויך ביילאן זאקן און זיידענע שאטקעס. נעד פאלעס גופא האט דארט געזוכט פריינט און געלד. ווייל מיט דעם האט ער זיך פארנומען ווען ער איז צוריק בעקומען פון אלע שלאכטן אויף דער וועלט. ; זוכן פריינט אויף דער וועלט. פריינט האט ער דארטן אין דער ווילדערניש געפונען.

געלד - נישט. איינער פון זיינע דארטיקע פריינט, וועלכער איז זינגלווייז נאך געווען א מענטשן-פרעסער, האט אים בעשענקט די מתנות: די שאטקעס. די זאקן. די שלאנג.

ער האט אויך אויסבעלערנט נעד פאלעטן די שפרוכן וואס מען דארף נוצן כדי ארויס צו רופן דעם כישוף וואס איז בעלעגן פארשטעקט אין די שטם מתנות. מחמת

אויף די שלאנג איז געווען פון א זעלטענעם מין. דער זיידע האט געמיינט אז די אויגן פון אזא לעבעדיקע שלאנג זענען א סגולה קעגן בליינד ווערן אבער די באבע האט נישט געוואלט האבן דעם שרץ אין שטוב און בצלאל בצלאל האט זיך אונטערגענומען צו באזארגן די שלאנג פאר דעם זאאליגישן גארטן אין תל-אביב.

נעד פאלעט האט געדענקט אז ער האט געהאט אמאל געזען פיטער גארטונען ,נישטשטש נאר אויף די טרעפ פון דעם יידישן קהל-הויז , נאר פאר דעם נאך ווי ראלידער איז געקומען קיין אויסטראליע ,האט ער שוין איין מאל געהאט געטראפן פיטער גארטונען און ער האט זיך נישט געקאנט דערמאנען ווו עס איז געווען. אין דער ביר-שענק, אין דעם הינטער-געסל, עטוואס פון דער הויפט-גאס אין צענטער פון שטאט, אין דער זעלבער ביר -שענק ווי ער האט געהאט אריינגעפירט ראלידערן ווען ער האט אים געזען שטיין אין גאס און זוכן א ייד אין אויסטראליע, האט נעד פאלעט, זיצנדיק צוזאמען מיט ראלידערן און מיט מארצין גאלדמאן, זיך דערמאנט דעם פלאץ ווו ער האט א מאל געהאט געזען פיטער גארטונען. די יאררא-בענקס אין מעלבורן, דער פארק ווו יעדן זונטיק, פלעגן זיך פארזאמלען רעדנער אויף קליינע טריבונעס און פרעדיקן פאר מענטשן זייערע תורות. ער האט געדענקט אן אלטן מאן, אן אנארכיסט, און פיטער גארטון דעם אלטן מאנס אונטערטראגער פון די טריבונע און די מאן. טרינקענדיק דאס ביר, בעת מארצין גאלדמאן האט גערעדט צו אים וועגן גאט-זוכעריי, און אים דערציילט וועגן דעם קלוב פון די גאט-זוכער, האט נעד פאלעט דערזען פאר זיך אין געראנק,

ווי פיטער גארסון שטיים לעבן די טריבונע און פאכעט מיט די שווארצע
פאן כדי מענטשן זאלן זיך צונויפקומען און הערן די רייד פון דעם-
אלטן מאן. אלע מאל האט נער פאלעט בעוווסט אז ער האט אים שוין אמאל
געהאט געזען און איצט איז ער געווען אין דעמט זיכער. אין א זונטיק אין
דער פרי זענען זיי אוועק אויף די יאררא-בענקס. אויך מארצין באלדמאן
איז מיטגעפארן. זיין בארד וואס ער האט זיך פארלאזן צוריק קומענדיק פון
ישראל, איז/געוואקסן ווילד, אבער אין א רעמל און אין זיין אויבן האט
זיך באזעצט א קנאישער בליק. ס'איז געשען אן דעם ווימן פון זיין
פנים וואס איז ווייסער געבליבן זאט און אויסגעפילט מיט א ווייכקייט.
נאך זייענדיק אין ישראל איז אים געקומען אויפן זינען צו שאפן אזא
מין קלוב פון גאט-זוכער. איין מאל אין ת/ ירושלים, האט ער זיך אנגע-
טראפן אויף אזא מין גרופע וואס האבן אפילו געפלאנט אויפצושטעלן
א קיבוץ פון לויסער גאט-זוכער. ער אליין איז דעמאלט
בעטארן זיך טרעפן מיט א באריטמטן פראפעסאר פון ירושלים און צוריק
קומענדיק קיין אויסטראליע איז אים די זאך געלונגען. זיין א
דערפארדונג אין ישראל האט אים געשטויסן דערצו כאטש זיין
גאנץ זיין דארט איז געווען מעשה-שטן און א דורכפאל. פון דעסטוועגן
האט ערפון דעם געלערנט. און ווען ער האט באנומען וואס מיט אים איז
געשען, האט ער פארניכטעט די מלוכהשע לאטעריע צעטלען, אלץ פארברענט,
און צוריק געקומען קיין אויסטראליע כדי נאך א מאל עולה צו זיין קיין
ישראל. דא איז ער צוריק געווארן א סוחר פון וואל, זיך צוריק פארנומען
מיט מיסחר, צוריק אנגעהויבן בענקען נאך א שעה תורה-לערנען און א ספר

איז צוריק בעוואַרן א ספר. די מעשה מיט זיין מזלדיק צעטל און דאס
גרויסע געווינס האט ער געהאלטן פאר אן אויסגעטראכטע זאך. ער האט
אין דעם נישט געגלויבט און ער האט געמיינט אז דאס
מיידל פון באנק האט עס אויסגעטראכט כדי אים ווידער צו פאנגען אין
איר נעץ. ער איז געווען פון איר געפאנגען און נאך אלץ געבענקט צו איר.
זיין בענקשאפט צום מיידל פון באנק האט אים געהאלפן זיך פארטיפן אין
די מחשבות פון לעבן און טויט. קיין טויט איז שוין מער נישט געווען.
ס'איז געווען פאר אים קלאר אז ווען ער וועט ווידער עולה זיין קיין
ישראל און זיך זעצן שרייבן דאס בוך וועגן מארסעל פרוסט, וועט דער
רעיון זיין די ברונטפעסטיקייט פון דעם ווערק. מארצין גאלדמאן האט
נישט באהאלטן זיינע רעיונות ביי זיך און אויטן וועג האט ער אויך
פאר נעד פאלעסן בעפארעסט זיינע מחשבות אין רייד. נעד פאלעס האט
דוקא בעוואלט וועגן דעם הערן. דארט ,אין צפון אויסטראליע פון
וואנען ער איז צוריק געקומען, האט ער זיך אנגעזען מיט א סך טויט
און ער האט געוואלט מאקע הערן אז עס איז נישטא קיין טויט אויף דער
וועלט. אז אפילו נאך דעם ווי מען שטארבט איז נאך אלץ קיין טויט
נישטא. ווייל דארט, אין צפון זענען אויסגעשטארבן שבטים.
ניסט פון הונגער דוקא, נישט פון פיין, נאר פון ווערן ווייניקער
זענען זיי אויסגעשטארבן. ווען נעד פאלעס איז דארט געווען מיט
א צענדליק יאר צוריק ,האבן זיי נאך געלעבט, שבט איז נאך געווען
שבט און איצט קומענדיק אהין צום צווייטן מאל, זענען שוין קיין
שבטים נישט געווען. זיי זענען געשטארבן. א ריידע איז געשטארבן

אין נישט געווען קיין צווייטער אויף זיין ארט וואס זאל ווערן זיידע,
אז א ווייב איז געשטארבן איז קיין צווייט ווייבנישט געווען. און
אויך די וועלכע זענען פארוואלגערט געווארן אין ווייטע קאנטן זענען
צוריק געקומען אהיים שטארבן. א פרוי וואס נעד פאלעט האט איר
געדענקט נאך אלס יונג מיידל, האט אהיימגעבראכט איר יינגל
שטארבן. צוויי טויזנט מייל צופיס האט זי געטראגן איר געליימט
יינגל אויף די פלייצעס כדי
ער זאל נישט פארוואלגערט ווערן אין דער פרעמד נאר שטארבן אין
דער היים. די ערשטע טויזנט מייל האט זי אים געטראגן א לעבעדיקן,
די צווייטע - א טויטן. א בינטל טרוקענע ביינער איז געווען איר
יינגל ווען זי איז מיט אים אהיימגעקומען. . איר מאן
האט זי פארדינגען צו מאטראזן אויף א שיף, דאס יינגל וואס זי האט
געבוירן אין דער פרעמד, האט זי געבראכט שטארבן אין דער היים. בלויז זיי
פריינט זיינעס האט נעד פאלעט דארטן געטראפן וועלכער האט נאך
געהאט א מישפחה. צוויי ווייבער. איין ווייב - זיין שוועסטער. די
צווייטע - זיין אייגן אייניקל. מאראנגו מאראנגו איז געווען זיין
נאמען. קיין קינדער זענען נישט געווען. אז א קינד איז געבוירן
געווארן האבן זיי אונטערגעווארט א טאג צוויי און עס אויפ-
געגעסן. פון דעם פריינט זיינעס, מאראנגו מאראנגו, האט נעד פאלעט
באקומען די מתנות . די שלאנג. די זאקן. די שאטקעס. דאס מאל,
נאך זיין צוריק קומען פון די מדבריות , איז נעד פאלעט געווען
אנגעזאלט מיט טרויער און מיט טויט און ער האט געוואלט הערן אז

ס'איז קיין טויט נישטא. אז א מענטשנס לעבן ענדיקט זיך נישט ביי די שפיצן פון זיינע נעגל. און אויב דאס איז נישט זיין סוף איז דאס אוודאי נישט זיין אנהויב. נעך פאלעט האט געדענקט אז אויך מאראנגו מאראנגו זיין פריינט, האט געדעדט עפעס ענלעכס וועגן טויט. אויך יענער האט געזאגט אז עס איז קיין טויט נישטא. ס'איז אמת אז מען שטארבט אין דער פרעמד ווערט מען פארלוירן אין כף-הקלע און מען קאן די נשמה נישט געפונען, אבער אז מען שטארבט אין דערהיים, דערקאנט די נשמה די וועגן צו די גייסטער פון די אבות און מען ווערט אויפסניי געבוירן. אזוי האט מאראנגו מאראנגו גערעדט. נעך פאלעט האט בלויז נישט געוווסט ווי אזוי די ביידע האבן זיך דאס צונויפגעטראפן און דערגאנגען צו די זעלבע מחשבות. מאראנגו מאראנגו דער מענטשן-פרעסער און מארצין גאלדמאן דער פראפעסאר. מארצין גאלדמאן האט געוואלט אריינציען נעך פאלעט אין זיין קלוב פון די גאט-זוכער, זיי זאלן בשותפות טראגן דעם רעיון, האט נעך פאלעט זיך אפגעזאגט און אים דערציילט אז אויך מאראנגו מאראנגו האט עס געוואלט טאן און נאך דעם ווי ער האט אים אויסגעלערנט שפרוכן און כישוף-רמזים, האט ער אים אויך געוואלט אריינגעמען אלס פארטנער אין דער משפחה און זיך טיילן מיט זיינע ווייבער. און ער האט געשיקט צו אים זיין צוועלף יעריק ווייב, ס'איינינקל וואס איר נאמען איז געווען יולונגול. אין א באגינען ווען די זון איז נאך געווען רויט, און פרעד האט נאך געדרעמלט אין זיין בודע פון צווייגן און ערד, האט ער פארנומען א שארכן פון דרויסן, און ווען ער איז

ארויסגעקומען אין דרויסן איז יולונגגול געשטאנען אביסל אנגערוקט
פון דער כודע. זי איז געשטאנען נאקעט און געלאכט. זי האט געמאכט
צו אים א סימן אז מאראנגו מאראנגו האט זי געשיקט צו אים און ווען פע
נעד פאלעט האט געוואלט וויסן נאך וואס האט זי גערעדט צו אים אין
ששששששששששק פירזשן-ענגליש:

"A fuck, Sir?" האט זי געזאגט.

נעד פאלעט האט אונטערגעוואַרט. ער האט באטראכט דעם קליינעם
נאקעטן גוף.

"No fuck." יולונגגול האט ער געענטפערט.

איצט איז יולונגגול געשטאנען און געוואַרט. זי איז געשטאנען אביסל
פארחידושט און זי האט געהאלטן איר קאפ עטוואס זייטיק און זיס האט
ארויפגעקוקט צו אים.

"No fuck, Sir?" האט זי זיך געוואונדערט.
נעד פאלעט האט נישט געוואלט העלפן מארצין גאלדמאנען זוכן גאט.
[illegible]

מחשבות וועגן גאט און וועגן טויט האבן אים פינצטער געמאכט אויף
אויף דער נשמה. דערפאר האט נעד פאלעט געזוכט פריינט אויף דערשטעלטש
וועלט ס'זאל אים ווערן אביסל ליכטיק. ער האט געהאט זיינע פריינט
אומעטום, ווו נאר ער איז אויסגעווען. אין יאפאן, אין שששששששש
יוהאנעסבורג, אין דער אלט-שטאט פון ירושלים, אין עזה און אומעטום
ווי עס איז אים אויסגעקומען צו זיין האט ער געשריבן צו זיי בריוו.
א שאד וואס זיי האבן אים נישט געענטפערט. ער וואלט זיי אלע געבראכט

אהער קיין אויסטראליע און זיך באזעצט מיט זיי אויף א גרוכטבאר סטיק באדן אין אויסטראליע, ווי די נאטור איז דארט שטענדיק ווארעם און קיין מאל פעלן דארט נישט קיין רעגנס און יעדער קאפ פון א קרויט וואס מען קען לאזן דארט וואקסן איז אזוי גרויס און שווער און איין מענטש מיט צוויי הענט וועט אים נישט קאנען אויפהויבן פון דער ערד. און אויב נישט קיין ווייץ און קיין קרויט, וואלט מען אפגעקויפט לאנד ביזן צענטער פון דער ערד און דאס גאלד וואס מען וואלט דארט געפונען וואלט מען פארטיילט צווישן ארעמע לייט. פריינטשאפט און גאלד. ס'האט געקלונגען אמת און שיין.

אויף די יארוא-בענקס איז נישט געווען צו געפונען קיין שפור פון פיטער גארטון. און אויך דעם אלטן מאן, דעם אנארכיסט האבן זיי דארטן נישט געטראפן. נעד פאלעט האט זיך אויסגעטרעגט ביי די באזוכער פון פארק און פון איינעם איז ער יא דערגאנגען אז אז שוין א שטיקל צייט ווי דער אלטער מאן און זיין איינציקער נאכפאלגער האבן אויפגעהערט קומען צו די יארוא-בענקס. פאר ראלידערן איז עס געווען א סימן אז פיטער גארטון איז דער נאכפאלגער פון דעם אלטן מאן. ס'האט געשטימט מיט זיין פארפאלן ווערן יעדן שבת און זונטיק פון די סטיגן ביים קהל-הויז. זיי האבן געדארפן געפונען דעם אדרעס פון דער אנארכיסטישער באוועגונג אין מעלבורן, כדי זיך צו דערוויסן וועגן פיטער גארטון. דערווייל האבן זיי באזוכט דאס מתים-הויז אין שטאט.

מארצין גאלדמאן האט זיי געפירט צום שטאטישן

מתים-הויז. פון זיין פריינט דעם געוועזענעם דעדרעקטיוו האט ער
באקומען א דערלויבעניש פאר אלעמען אריין צו גיין אהין. און ער איז
געגאנגען דער ערשטער. אבער אינעווייניק אינעם טויטן-שטיבל האט
מארצין געלדמאן גיסט אויסגעהאלטן און ער איז ארויסגעלאפן צוריק אינעם
ארומגעצייטטן הייפל ארויס און דארטן אין א ווינקל ביי די
אייזערנע טאכעטן, געבראכן. נעד פאלעט האט אים מיטבאגלייט. ראלידער
איז געבליבן אליין מיטן היטער פון מתים-הויז. דער היטער האט ארויס-
געצויגן טויטע פון די ווענט. די ווענט זענען געווען צעטיילט אויף
שמאלע טירן און נאך יעדע טיר האט זיך נאכגעצויגן א פלאטפארמע מיט
א מת. ראלידערן האט זיך אויסגעוויזן אז ער האט דערקאנט א היטל
מיט א בלאנציקן דאשעק צווישן די פעקלעך אנטועכץ וואס זענען געלעגן
אין די געקרייציקטע פאליצעס, א פעקל אנטועכץ אין יעדן קעמערל.
די פעקלעך זענען געווען נאכלעסיק פארוויקלט און דא און דארט האט
ארא[פ]געהאנגען  אן ארבל פון א מאנטל, א א לעצל פון
א פוך. אזוי האט אויך ארויסגעשטעקט דער שווארצער לאקירינער
דאשעק און א חלק פון דערהאלב-פאליצייסקער היטל, פיטער נארטונס היטל.
דער היטער פון מתים הויז צוריק אריינגערוקט א פלאט
פארמע מיט מת אין דער קאלטער וואנט אריין און געזאגט אז א היטל
איז נישט קיין ראיה. ווייל נאך אלעמען, ווען מען באערדיקט דעם גוף
ווערן די קליידער אוועק געגעבן אין צדקה-אנשטאלטן און דארט
ווערט עס פארטיילט צו ארעמע לייט. דעריבער קאן זיך מאכן אז א מאנטל ,
א הויזן , א היטל, זאלן צוריק קומען אהער צום צווייטן און אפילו

צום דריטן מאל און פארשטייט זיך אז אלע מאל אונטער אן אנדערן נאמען.
און דער היטער האט ארויסגעצויגן פון דער וואנט א פלאטפארמע מיטן
גוף פון אן אלטיטשקע פרוי שקש און אנגעוויזן אז דאס מאל איז זי באר
געווען די אייגנטימערין פון דער פאליצייסקער היטל און דערפאר איז
זיין ראיה געבליבן א ראיה און ראלידערס ראיה - גיסט.

ראלידער האט זיך איינגעהערט וואס דער היטער האט אים געזאגט און
ער האט אויך געהערט דעם ניגון וואס פיטער גארטון האט אים אויסגעלערנט
ברומען, דעם ניגון צום ווילדן טאנץ פון די פולע בייכער. דער ניגון
האט זיך אנגעהויבן נאך פריער. נאך אין אפגעציימטן הייפל מיט די אייזערנע
שטאכעטן, פאר די עטלעכע פארמאכטע טירן פון דעם מתים-הויז ווו דאס קלאפן
האט נישט געהאלפן און זיי זענען געבליבן פארשלאסן, די זייטיקע טיר
וואס נעד פאלעט האט געפונען און געעפנט און זיי זענען געגאנגען איבער
די האלב-טונקעלע פאר-צימערלעך און קעמערלעך, דא , א ליידיק שטיבל,
דא, טרעפלעך אראפ-צו, א בעלעמער און א שמטט גרעסער ששלמפל זאלעכל,
אן עלעקטריש לעמפל אנגעצונדן און באפלעקט מיט שמששש סימנים פון פליגן,
און נעד פאלעט שטימע רופנדיק וועמען א- אא - א - א - א , מען זאל
הערן און וויסן אז מען איז געקומען , און אן ענטפער , נישט קיין
ווידערקול, וואס האט צוריק גערופן, נאר די רופער האבן זיך אויסגעמיטן,
און די צימערן האבן געפירט אין פארשידענע ריכטונגען אוף ביז מען האט
זיך געטראפן און דער היטער פון מתים-הויז האט זיי אריינגעפירט אין
ריכטיקן טויט-סטיבל - איז שוין דער ניגון צום טאנץ פון די פולע בייכער
געווען אין ראלידער ס קאפ. פיטער גארטון גומא האט דעם טאנץ פון
די ווילדער נישט געזען, אבער ווען ער איז געווען א יינגל , האט אים

זיין טאטע דער פראפעסאר פון אור-אלטע בעשיכטע אויסגעלערנט די העוויות פון טאנץ און דעם ניגון. דער אמת איז בעווען אז פיטער גארטון האט נישט בעוואלט פארן קיין ישראל. ער האט זיך בעשראקן פארן יידישן לאנד. און ווען אלץ איז שוין בעווען פארטיק, דער פאספארט, די שיפס-קארטע, די דאטע פון דער רייזע, האט ער זיך בעבעטן ביי ראלידערן מען זאל אים נישט פארשיקן קיין ישראל און ער האט אים דערציילט זיין חלום וועגן לאנד. אז גאנץ ישראל איז א לאנגע פאבריק מיט א בלעכענעם דאך און ווער נאר עס קומט אהין אן דעם כאפט מען גלייך אויף ארבעט. ראלידער איז בעווען איינער פון די כאפערס און ער איז אויך בעגאנגען לענג-אויס די בענק פון דער בלעכערנער פאבריק און בעשלאגן פון היגטן יעדן איינעם וואס האט נישט בעארבעט שנעל. פיטער גארטון האט נישט בעוואלט משנה-מקום זיין זיין לעבן און ער האט אויך נישט בעוואלט ס'זאל ווערן משנה-מזל, און אויב ס'האט נאך בעטליעט אין אים אן אמביציע, איז עס בעווען אנצוקומען אויף דעם אינדזל ווו די ווילדע יעגער האבן בעלעבט, דארט ווו זיין טאטע איז שוין איין מאל בעווען, און צוזאמען מיט די מענער פון שבט, גיין נאכן עסן, דעם טאנץ פון די פולע בייכער.

דער היטער האט ארויסגערוקט א סויטן און נאך איינעם, איבערגעגעבן פרטים וועגן זיין אופן פון קומען אהער אין הויז, און ער האט באווירצט זיינע רייד מיט אן אמת וועגן לעבן און ארויסגעוויזן די ין קענטשאפט וועגן מענטשלעכע נאטורן. ראלידער איז געשטאנען אביסל אפגערוקט, צוקאפנס יעדן מת וואס דער היטער האט ארויסגערוקט פון דער וואנט, און צוזאמען מיט די רייד פונעם היטער, האט ער

אויפגעבאפט א שפיץ פון א גאז, א באמבע, א קאלטן
אויער.

א הויכער און עטוואס איינגעהויקערט, האט ראלידער אנגעלעגט
אן אקסל אין דעם קאלטן זייל אינמיטן זאל און א פארבעסענער שמייכל
איז געווען פארוואלגערט אויף זיינע ליפן. ס'איז אים א שאד געווען פיטער
גארטונס לעבן. פיטער גארטון איז נאך אלץ געשטאנען פארן שפיגל, דעם
זיידנס לאנגן שפיגל, אין ראלידערס צימער, און דערציילט ראלידערן פרקים
וועגן זיין רייזע קיין אויסטראליע. בעפיינט האט פיטער גארטון גאר
אנגעקומען אויפן אינדזל ווו זיין טאטע איז געווען און דערפאר האט
ער אויסגעקליבן א פראנצויזישע פראכט-שיף וואס איז געפארן קיין
אויסטראליע דורך יענע קאנטן ווו דאס אינדזל האט זיך געפונען. פיטער
גארטון האט אויף דער שיף געפוצט טירן און געוואשן כלים. געוואשן כלים
און סערווירט די טישן פאר די צוואנציק יידישע שניידערס פון פוילן אויפן
וועג קיין אויסטראליע. איינער פון די שניידערס איז געווען א בלעכער,
און אין פוילן איז ער געזעסן אין תפיסה. די פאליאקן האבן דעם
בלעכער פארזעצט אין תפיסה פאר הענגען רויטע פענער אויף די דראטן.
אבער דער דאך פון דער תפיסה ווו דער בלעכער איז געזעסן, איז
געווען צעבראכן און אסיען-צייט האט אריינגערעגנט אינעווייניק אין די
צעלן ווו די ארעסטאנטן זענען געווען פארשפארט. אויך אין די צעלן פון
די וועכטער. האט מען באפוילן דעם בלעכער ער זאל ארויפקריכן אויפן
דאך און פארריכטן די לעכער כדי עס זאל ניסט אריינרעגענען. ליגנדיק
אויפן דאך האט דער בלעכער אראפגעקוקט אין הויף אריין און געזען אז

די וועכטער גייען ארום און ארוס און כל זמן דער האמער קלאפט זענען זיי זיכער אז ער איז דא. ווען נאר דער האמער האט ער אויפגעהערט קלאפן האבן זיי געהויבן אומרואיק די קעפ אין דער הייך, און אז דער האמער האט זיך בעלאזט הערן זענען זיי געגאנגען רואיק און בעמיטליך. האט דער בלעכער בעמאכט אז זיין האמער זאל קלאפן פון זיך אליין און ער גופא איז אראפ פון דאך אריבער דעם פארקן און אוועק קיין אויסטראליע. אויף א פראנצויזישע שיף. אויף דער שיף איז דער בלעכער געווארן א שניידער, מחמת ער איז געפארן קיין אויסטראליע דאס לאנד פון די שניידער, וווּ יעדער שניידער איז א פראפעסאר וואס שארט באלד אין די גאסן. אויף די גאסן פון מעלבורן האט פיטער גארסון איין מאל געטראפן דעם בלעכער גיין צו דער ארבעט. דער בלעכער האט אים דערציילט אז דא אין אויסטראליע קען מען פון בלעכעריי קיין לעבן נישט מאכן און דערפאר איז ער געווארן א פרעסער פון הויזן און ער עסט פאמעראנצן. און דער בלעכער האט אים געוויזן די קעשענעס פון זיין מארינארקע ווי זיי זענען צעריסן געווארן צוליבן שטופן אהין די פאמעראנצן, האט ער די פרוכט געשטופט טיפער ארוס און ארום דעם זוים פון דער מארינארקע און אזוי האט ער אין דער פרי בעשטאנט אין דער שניידער-פאבריק אריין פרעסן הויזן, מיט א קראנץ פאמעראנצן ארום זיין בויך.

דער היטער פון מתים הויז האט פארדוקס אן אלטע פרוי אין דער וואנט אריין און אויסגעדוקס אן אלטן מאן, און פיטער גארטון איז בעשטאנען פארן זיידנס שפיגל און דערציילט ראלידערן וועגן א צווייטן שניידער אויף דער פראנצויזישער שיף - א פריזירער.

דער פריזירער האט צוגעזאגט פאר פרייז פון א לעקאך צו שערן די האר אויף דער לענג פון דער רייזע. נאר קיינער פון די שניידערס האט קיין האר ניט געהאט. מחמת די פוילישע רעגירונג האט אויסגעמאפט דעם פריזירערס כוונה און נאך איידער מען האט די שניידערס ארויפגעלאזט אויף די פראנצויזישע שיף , האט מען זיי אפגעגאלט נאקעט , קאפ און לייב, און זיי ארויסגעשיקט קיין אויסטראליע אן א האר פון פוילן. צוליב דעם האט איינער פון די אפגעשוירענע שניידערס אנגעוווירן די ליבע פון זיין שששששששש מיידל. שטייענדיק ביים פאראענטש פון דער שיף האט דער יונגער שניידער געמאכט מיט דער האנט צו זיין מיידל אויפן ברעג און דאס מיידל האט צוריק געמאכט און געמאכט סימנים אז זי וועט אייביק נאך אים בענקען. שששששששש דערווייל איז אנגעקומען א ווינט און פון שניידערס קאפ אראפגעיאגט זיין היטל אין ים אריין. האט דאס מיידל דערזען אז עס זענען דארט קיין האר נישטא, האט זי בעקוקט אן אנטוישטע אויף דעם פרעמדן אפגעגאלטן קאפ וואס האט מער נישט שששששש אויסגעזען ווי איר צעפלאשעטע בחור מיט די שששששש טשופרינע פון בלאנדע האר . דאס מיידל האט אויפגעהערט רופן, דער שניידער האט אויפגעהערט מאכן און די היטל איז שששש געזונקען ששששש אין ים און צוזאמען מיט די היטל, די בענקשאפט.

פיטער נארטון האט באצאלט דעם פרייז פון א לעקאך. דער פריזירער האט דעם לעקאך אויפגעגעסן , געזאגט נאך דעם אז דער לעקאך האט נישט געטויגט און קיין האר נישט שששששש געשוירן. אין אויסטראליע פלעגט אים פיטער נארטון זען ארויפקומען אין קהילה-הויז - אן אנגעזעגער שניידער - פאבריקאנט. ער האט פיטער נארטונען א פארוואלגערטן אויף די טרעפ,

נישט דערקאנט מחמת ער איז געווען קורצזיכטיק און געטראגן פענסנע, אבער
פיטער גארטון האט אים יא דערקאנט און אויך זיין ווייב די שניידערין, א 84–85
פארביי־גייערין אין זיינע חלומות.
נעד פאלעט האט איבערגעלאזט מארצין גאלדמאנען אין דרויסן, אין
ארומגעצייטן הייפל, און ער איז צוריק אריינגעקומען אין מתים־הויז
צו ראלידערן. ראלידער איז שוין געווען אויפן וועג אין דרויסן ארויס.
פון פיטער גארטונען איז קיין שפור נישט געבליבן. אויפן וועג פון מתים־
הויז האט מארצין גאלדמאן געברומט און ראלידער האט געשוויגן. צו
פארטרייבן דאס ברומען און דאס שווייגן האט נעד פאלעט זיי דערציילט
וועגן זיינס א פרייגט ביל ניומאן פונעם פארווארפענעם שטעטל
וואלהאלאה ווו זיי זענען ביידע געבוירן געווארן און געוואקסן.
ווען נעד פאלעט איז דאס לעצטע מאל צוריק געקומען נאך א מאל שלום
מאכן מיט זיין היים האט ער געזען אין שטעטל א שול מיט א מגן־דוד. און
זיין חבר ביל ניומאן איז געווארן א ייד און ער האט דארטן געדאווענט. אין אנהויב,
אליין אבער נאך דעם זענען געקומען יידן פון די וועלדער און זיי האבן געדאווענט
צוזאמען.
דעם בנין האט נעד געדענקט פון אלע מאל אבער קיין שול איז דארט קיין מאל
נישט געווען. האט ער זיך געפרעגט וועגן דעם האט מען אים געזאגט
ביל ניומאן. איז ער אוועק// ווו ביל ניומאן האט געוווינט. אויף א
בארג וואס האט אראפגעקוקט אויף וואלהאלאה וואס איז געלעגן פארשטארבן
אין א שפאלט צווישן צוויי ששששששקעשש בערג. ווייל וואלהאלאה איז געווען
א טויט שטעטל. אמאל איז דארט געווען גאלד. ווען דאס גאלד האט זיך
אויסגעלאזט זענען די איינוווינער אוועק און געבליבן זענען בלויז אלטע
לייט און אלטע חורבות. די אלטע לייט האבן געלעבט לאנג און דאס שטעטל
איז געשטארבן לאנגזאם. געווען א צייט ווען נעד פאלעט און ביל ניומאן
זענען געווען די איינציקע יוגנט אין שטעטל און זייער איינציקער
פראבלעם איז געווען זיך צו האלטן שיכור וואס אפטער , ס'האט נישט
אויסגעמאכט פון וואס. צום סוף איז נעד פאלע ט אוועק ששש אין בוש
אריין, צו די אבארידזשיניס, אין די וועלט מלחמות און נאך דעם אפזוכן

זיינע פריינט צעזייט און צעשפרייט איבער לענדער און ימען. ביל ניומאן איז אוועק אויפן [redacted] העכערן בארג אונטער וואלהאלאה און דארטן האט ער געלעבט מיט זיין ווייב, מיט זיבן קינדער מיטן פעלד און מיט סטוב-חיות. איין מאל אין צוויי וואכן פלעגט ער [redacted] אראפרייטן אין שטעטל אריין איינקויפן פראוויאנטן. שטייענדיק [redacted] איין מאל אין איינציקן קרעמל האט ער קוק געטאן אויף א צייטונג וואס איז געלעגן [redacted] צום פארקויפן. האט ער געזען אויף דער ערשטער זייט א פאטאגראפיע פון א מאן מיט א בארד און באוואקסן פנים, איינגעהילט אין טלית און אין תפילין. האט זיך ביל ניומאנען אויסגעדאכטן אז ער האט שוין אמאל געהאט געזען אזא מאן. האט ער קויפנדיק די פראוויאנטן א קוק געטאן עטלעכע מאל אויפן בילד אבער ער האט זיך נישט געקאנט דערמאנען ווו און ווען ער האט געזען אזא מאן. איז אים איינגעפאלן א געדאנק צו קויפן די צייטונג און איבערלייענען וואס דארטן שרייבט זיך . ס'איז בלויז געווען אן ענין נישט ארויס צו רופן מיט דעם צופיל חידוש ביי דאנאלד דעם [redacted] קרעמער. מחמת ביל ניומאן האט אלע מארן נישט געקויפט קיין צייטונגען. ס'איז געווען זיין טבע צו לעבן אויפן בארג [redacted] אן צייטונגען, אויך אן ראדיא און [redacted] אן עלעקטרע. מע האט געוווסט אין וואלהאלאה אז ערגעץ ווו איז אויף דער וועלט א וועלט-מלחמה, אבער צו טראכטן וועגן דעם איז עס נישט געקומען. האט ביל ניומאן געקויפט די צייטונג און דאנאלד דער קרעמער איז גראד געווען גערן פטור צו ווערן פון די צייטונג וואס איז שוין געלעגן ביי אים עטלעכע טעג. אויפן וועג אהיים איז ביל ניומאן אראפ פון [redacted] פערד און אויף אן אומבעפאלענעם בוים זיך אוועקגעזעצט לייענען וואס עס שרייבט זיך וועגן די פאטאגראפיע אין דער צייטונג.

ער האט בעלייענס אז די דייטשן הרגענען אויס א פאלק מיט יידן און נאך פרטים אבער ס'האט אים נישט געהאלפן זיך דערמאנען ווו און ווען ער האט געזען אזא מאן אין בארד אין פאות און איינגעהילט אין דעם לבוש ווי אויף דער פאטאגראפיע. ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געלאזן ליבן די ציימונג אויפן טיש מיטן בילד פון אויבן כדי דאס ווייב זאל א קוק טאן און אפשר וועט זי אים אנגעבן א סימן. דאס ווייב האט געווארפן א בליק אויף די ציימונג און נאך דעם אביסל א דערשראקענעם בליק אויף איר מאן, צי ס'איז עפעס נישט געשען מיט אים ווייל זי האט אים נישט געקאנט מאר אזעלכן וואס זאל פארמאכליעווען געלט אויף א ציימונג. געזאגט האט זי גארנישט/ ס'איז נישט געווען זייער טבע צו רעדן וועגן זאכן וואס האבן נישט געהאט צו טאן מיט דער ווירטשאפט. פארנאכט אז עס איז געווארן פינצטער איז מען געשלאפן. באגינען מיטן טאג, איז מען אויפגעשטאנען צו דער ארבעט און א גאנצן טאג אין נישט געווען קיין צייט אויף צו רעדן. די קינדער האבן זיך געהאדעוועט פון זיך אליין און די חיות אין דער ווירטשאפט האט מען אביסל צוגע-האלפן. האט ביל גיומאן אוועקגעלייגט די צייטונג אין א קופערט אריין צו פארגעסן דעם ענין אבער פון מאל צו מאל פלעגט ער זיך כאפן שטיין א פארטראכטער און וועגן וואס ער האט געטראכט האט ער נישט געוווסט. ער האט איין מאל אפילו, אין א געוויינלעכן זונטיק אראפגערפטן אין דער קליינער קירכע אריין און אויף דעם קיין תירוץ נישט געהאט. ווו און ווען ער האט געזען דעם מאן אין בארד און פיאות האט ער נישט געדענקט. זיין גיין אין קירכע אריין אין א געווענליכן זונטיק

איז געוועזן אן איבעריקע זאך. ער איז זיך נוהג געווען צו טאן דאס
בלויז איין מאל אין יאר, צום חג-המולד. דעמאלט פלעגט ער אנטאן דעם
אנצוג וואס ער האט נאך געהאט ליגן פון דער חתונה און אויך עוועלין,
חוץ איר חתונה-קלייד האט אפגעהיטן אויך איר שטרויענעם
הוט מיטן ברייטן ראנד ארומגעפלאכטן מיט א באנד פון נאכגעמאכטע
בלומען, און יום-טובדיק צוזאמען מיט די קינדער פלעגן זיי אראפרייטן
אין שטעטל אריין אפריכטן מעסע אין דעם קליינעם קלויסטערל פון
וואלהאלאה. אין א משונה זונטיק האט עס ביל ניומאן קיין מאל ניט
געטאן. ער האט אויך קיין מאל ניט געטראכט וועגן א ייד מיט
א בארד און פיאות. צו מאל פלעגט ער ארויסנעמען די צייטונג פון
קעסט קופערט און אליין אין פעלד, מיט א הונט, אדער מיט א אנדערע
שטוב-חיה ,זיך אוועקגעזעצט איינקוקן אין דער פאטאגראפיע. ס'איז
געקומען פלוצלינג. ס'איז געווען אין א פארנאכט ווען זיין יינגל
האט אפגעמאלקן די קי און ער איז אריינגעקומען אין שטאל אריין
אפנעמען ביים יינגל דאס שעפל מיט די מילך, און בעת דאס יינגל האט
זיך אונטערגעהויבן אים צו דערלאנגען דאס שעפל מיט די מילך, האט
ביל ניומאן דעמאלט געוווסט אז ער האט געזען א מאל זיין
זיידן אינעם זעלבן לבוש ווי דער ייד אויפן בילד אין דער
מילך
צייטונג. ביל ניומאן האט דעמאלט גענומען דאס שעפל מיט די
און פארטריבן פון זיך דאס בילד פון זיין זיידן. ס'האט ניט געקאנט
זיין ווארן. אבער נאך דעם האט ער געדענקט פרטים. דער זיידע האט
זיך איינגעבויגן און אים געוויזן דאס קעסטעלע אויפן

קאפ און בערעדט צו אים . די ווערטער האט שששש ער נישט געדענקט. ער איז דעמאלט אלט געווען פיר אדער פינף יאר. דער זיידע איז געווען פון זיין מאמעס צד. טאטע און מאמע האבן מער נישט געלעבט. ער האט אנגעהויבן אויסרעכענען פרטים וועגן קרובים. ער האט נישט שששששט געדענקט קיין קרובים פון דער מאמעס צד. פון טאטנס צד זענען יא געווען שששששש קרובים , אוועק ערגעץ אין דער וועלט אריין. ער האט געדארפן צונויפבינדן פרטים און שששש זיך דערוויסן צי יידן האבן א מאל געלעבט אין וואלהאלאה. אלטע לייט אין שטעטל האבן נישט פארשוויבן זייערע זיכרונות וועגן אמאליקן באלד אבער שששש זיך נאכפרעגן ביי זיי וועגן יידן האט ביל ניומאן נאך נישט געוואוסט ווי אזוי דאס צו טאן. ווייל אויב ס'האבן קיין מאל קיין יידן אין וואלהאלאה נישט געלעבט איז דאס וואס ער האט זיך דערמאנט אן אויסגעטראכטע זאך. קויפנדיק פראוויאנט ביי דאנאלד דעם קששששש קרעמער האט ער זיך איין מאל אויסגעפרווט. ווארפנדיק א בליק אין דער צייטונג , ווי ער וואלט דארטן עפעס ארויס-געליינט האט ער א זאג געטאן געגוג הויך, האלב צו זיך און אויך צום קרעמער:

" מע הרגעט יידן, העי?"

ער האט געדארפן וויסן וואס די ווערטער וועלן אויפטאן ווען ער וועט זיי א זאג געטאן געגוג הויך אז א צווייטער זאל הערן.

"Yea , Yea" האט דאנאלד דער קרעמער מיטן פירקאנטיקן פנים און די אראפהענגענדיקע וואנצעס געענטפערט מיטן לשון פון פארגאנגענעם יאר-הונדערט. אזוי פלעגט דער פירקאנטפקער קרעמער ענטפערן אויף אלץ

וואס מען פלעגט אים פרעגן , אבער פאר ביל ניומאן איז עס בעגנוב געווען. ער האט געזען אז ער קאן שטעלן אזא פראגע. אויפן וועג אהיים האט ער רייטנדיק אויפן פערד געפרעגט אויף א קול אין בארג אריין:

"מע הרגהט יידן, הע?"

און די סטעט ווערטער זענען געווארן היימישער אין זיין קאפ.

אויך ביים צובינדן דעם פערד האט ער געוואלט הערן ווי די ווערטער קלינגען אין שטאל:

"מע הרגהט יידן, הע?"

[illegible]

[illegible]

[illegible] די אלטע [illegible] פינקסים פון וואלהאלאה [illegible] האט ביל ניומאן געפונען אין דער צענטראלער שטאט פון דער געגנט. אנגעטאן אין התונה אנצוג איז ער אפגעזעסן שעהן אין דארטיקן שטאט-ראט ביז ער האט געפונען וואס ער האט געזוכט. אין פינקס איז געווען פארשריבן אז די פארשיקטע יידן פון ענגלאנד וואס האבן זיך באזעצט אין וואלהאלאה האבן געבעטן ביי דער מאכט און באקומען רשות אויפצובויען א קליין געבעט-הויז זיי זאלן דארטן קאנען דאוונען. זיין זיידנס נאמען איז געווען דארט פארשריבן. איבערלייענענדיק דעם נאמען האט ער געדענקט אז אויך זיין מאמעס מיידל-נאמען איז געווען ניימען. אין פינקס איז געווען פארשריבן אז דער בנין וואס זיי וועלן אויפבויען וועט געהערן צום מנין תושבים פון יידישן גלויבן אין וואל-האלאה און אויב נאר עס וועט זיך געפונען אן איינציקער תושב אין

ששששש שטעטל וואס וועט קומען און זאגן אז ער בעהערט צום יידישן
גלויבן ,וועט דער בנין לויטן געזעץ ווערן זיין אייגנטום. ביל ניומאן
האט אפגעזוכט דעם בנין, אונטערגעשריבן אז ער איז א ייד און אפגעפריש ט
דעם מגן דוד וואס איז געווען ארייגעמויערט אינעם געזימס פון בנין.
די שול איז געווען א שפייכלער אנגעווארפן מיט אפפאל פון יארן. א שכן
האט דארט בעהאלטן זיינע שששששקעסט אינדיקעס. א צעבראכן בעטל איז
געווען א בעלעגער פאר די בוש-8וואנדערער. בעתן אויסרייניקן דאס מיסט
האט ביל גיומאן געפונען אן אלטן סידור, צעריסן און צעריבן אבער אויף
יעדן בלאט האבן זיך אנגעזען די צוויי שפאלטן פון די תפילות, ענגליש
און לשון-קודש. ביל ניומאן האט אויסגעמאלט די ווענט מיט פרישע קאלך
אנגעמאלט איבערן מגן-דוד די אותיות Synagogue און אז עס
איז געקומען א שבת האט ער זיך דארפ אוועקגעשטעלט דאוונען. די
אלטע לייט אין וואלהאלאה זענען געווען צו אלט זיך צו חידושן אויף
ביל ניומאנס מעשים און אויב עמיצער האט שש יא געוואלט וויסן האט
ער דערציילט אז מען האט אויסגעהרגעט אלע יידן אויף דער וועלט,
זייערע סינאגאגעס און געבעט ביכער פארברענט און בלויז ער און די
סינאגאגע און דער צעפליקטער סידור זענען פארבליבן דער איינציקער זכר
פון יידישן פאלק און זייער גאט. אבער נאך דער מלחמה האט די אויסטראלישע
רעגירונג ארייגעלאזט יידן פון די לאגערן מיטן באדינג זיי זאלן ארבעטן
א צייט אין די פארווארפענע שעשששששעשטסקש געגנטן פון לאנד. ארום
וואלהאלאה האט מען פארברענט וועלדער און אין א שבת זענען א גרופע
יידן פון די לאגערן געקומען שפאצירן אין שטעטל אריין. האבן זיי געזען

א שול מיט א מגן דוד. זענען זיי אריין אינעווייניק. האבן זיי געזען דארט ווי ס'שטייט א מאן איינער אליין און ער דאוונט, האבן זיי זיך אוועקגעשטעלט דאווענען צוזאמען מיט אים און אין שולכל איז צוריק געווארן א מנין יידן.

אין שענק ווו זיי זענען געזעסן און געטרונקען ביר, האט מארצין גאלדמאן געברומט און ראלידער האט געשוויגן. און נאך דעם ווי נעד פאלעט האט דערציילט זיין מעשה האט ער ארויסגענומען פון א טעשל א צעקנייטשטן בריוו און געזאגט אז ביל ניומאן האט עס אים געגעבן ער זאל עס איבערגעבן ווען מען דארף. אין בריוול האט ביל ניומאן דערציילט ווער ער איז און אז ערהאט געהערט אז יידן באגייען זייער יידיש לאנד און ער וואלט אויך געוואלט זיין איינער פון זיי. ער און זיין ווייב מיט זייערע קינדער. ראלידער האט באהאלטן ביי זיך דאס בריוול און נעד פאלעט האט צוגעזאגט נעמען ראלידערן קיין וואלהאלאה און אים פירן צו ביל ניומאן אויפן בארג. דערווייל האט ער געזוכט זיין אמאליקן פריינט וועלכער האט אים אויסגעהיילט די אויגן, דאקטאר א-דיי, ווען ער האט אים אפגעפונען האט ער אויך אפגעפונען מיטער נארטונגען. נעד פאלעט האט געזוכט זיין אלטן פריינט כדי ער זאל אויסהיילן אויך ניגא בצלאלס אויגן. אבער דאקטאר א-דיי האט שוין מער קיין אויגן נישט געהיילט.

ער האט בעהיילט נשמות. דאקטאר א-דיי איז געזעסן דער אלטיטשקער מאן מיט די
ווייסע ,שיטערע באָרד וועלכער האט אין סטאטישן פארק ביי די יאררא-בענקס
געפרעדיקט פאר מענטשן זיי זאלן אראפווארפן פון זיך דעם עול פון מלכות,
און לעבן פריי אויף דער וועלט. און פיטער נארטון איז געווען
זיין איינציקער נאכפאלגער און אונטערגעטראגן די אנארכיסטישע פאן
און אויך דאס בענקל.איצט, ווען נעד פאלעט האט זיי ביידע אויסגעפרגען
אין א בוידעס-שטיבל אין דער ארעמער געגנט פון שטאט, איז דאקטאר
א-דיי געלעגן אויף א בעטל און בעגוססס און פיטער נארטון
האט זיך מיט אים ספּעל בעוועזן. נעד פאלעט האט אין דעם אלטיטשקן מאן
קוים דערקאנט דעם דאקטאר א-דיי פון אמאל און דאקטאר א-דיי איז
שוין נישט געווען בכוח וועמען צו דערקאנען און בערענקען. נעד פאלעט
האט זיך נישט אויסגעגעבן פאר פיטער נארטונען, אבער ביי די
בצלאלס אין שטוב האט ער דערציילט ווי אזוי פיטער נארטון איז געזעסן
אויבן קאנט פון דעם קראנקנס געלעגער און געקארמעט דעם גוסס

לעפעלעך טיי. דאס האט נעד פאלעט געזען ווען ער האט ארויפגעשטעקט זיין
קאפ אין בוידעס-שטיבל אריין. מחמת דער אריינגאנג אין בוידעס-שטיבל
איז נישט געווען דורך א טיר נאר דורך א קוואדראטנע לאך אין דער
סאדלאגע. הינטערן בוידעס איז געווען א מאל א פערד-שטאל. דער
פערד איז דארט מער נישט געווען אבער דער לייטער איז געבליבן ארויפ-
צו קלעטערן אין דער הייך אויפן בוידעס. די לאך איז געווען אפן
און מען האט נישט געדארפן טריער אנקלאפן און ווען נעד פאלעט איז
ארויף מיטן לייטער און אריינגעשטעקט דעם קאפ האט ער קודם געזען
פיטער נארסונען, דאס געלעגער, דעם גוסס. וואכן האט נעד זיך נאכגע-
פרעגט ביז ער האט זיך דערפרעגט אהין. אנגעהויבן האט ער ביי די רייכסטע
אין שטאט ווייל דעמאלט ווען דאקטאר א-דיי האט אהיימגענומען נעד
פאלעטן צו זיך אין שטוב אריין, איז ער געווען זייער רייך, און
פרום, א קאטאליק מיט ירושות פון הויכע טיטולן אין דער
משפחה, דור נאך דור. נעד האט געדענקט זיין אריסטאקראטישע פרוי,
צוויי טעכטער און א זון, און איצט, נאך צוואנציק יאר, נישט קיין
פולע אפילו, איז דאקטאר א-דיי בעלעגן אויפן געלעגער פון שמאטעס און
פיטער נארסון האט מיט אן אפגעציטערטע האנט געפרווט אריינקארמענען
אין אים א לעפעלע טיי. נעד פאלעט האט נישט געוואלט איבערוואַרטן קיין
איין נאכט אפילו. בצלאל בצלאל האט זיי אוועקגעפירט
אהין אין זיין אויטא, ראלידער, נעד, מארבין גאלדמאן, או
זיי האבן אריבערגעפירט דאקטאר א-דיי אין א פריוואטן שפיטאל.
עטלעכע טעג זענען זיי געזעסן לעבן אים, פיטער נארסון

און נעד פאלעס. זיי זענען געזעסן לעבן אים ביז ער איז אויסגעגאנגען.

אויך אויף דער לוויה זענען זיי געווען די איינציקע באגלייטער. זיי האבן געפירט דעם ארון אויף א פלאטפארמע-

וועגעלע מיט צוויי גרויסע רעדער. פיטער נארטן און נעד פאלעס האבן

געהאלטן די האלאבלעס פון פארנט און ראלידער און בצלאל, די

האלאבלעס פון הינטן. הינטער זיי איז נאכגעגאנגען מארצין גאלדמאן.

ס'האט נישט אויסגעזען ווי א לוויה נאר פשוט ווי א שפאציר פון פינף

זעקס פריינט אינעם שיינעם גארטן פון אלעען

און מלאכים. פיטער נארטן האט מיטגעגעבן דאקטאר א-דיי אין קבר אריין

די פאן וואס ער האט אונטערגעטראגן יעדן שבת און זונטיק אויף די יארא-

בענקס און דארט אין פארק געפאכעט מיט איר כדי מענטשן זאלן זיך

פארזאמלען אויסצוהערן דאקטאר א-דיי, און נאך דעם ווי עס איז שוין געווען א בערגל ערד, האט פיטער

נארטן זיך אראפגעלאזט אויף די קני און א קוש געטאן די ערד וואס האט

פארדעקט זיין פריינט. קרישקעס לייס זענען געווען אויף זיינע ליפן

בעת ער האט זיך צוריק אויפגעשטעלט. ער האט גענומען א שטיין און

אנגעהויבן אויסלייגן נאך שטיינער ארום קבר און אלע אנדערע האבן אים

געהאלפן. נאך דעם ווי זיי האבן געענדיקט און זיי זענען געשטאנען

און געשוויגן האט מארצין גאלדמאן געזאגט אז אין יידיש איז דא אזא ליד

וואס וואלט זיך געפאסט מען זאל עס זאגן אויפן קבר פון אזא איינעם

ווי ס'איז געווען דאקטאר א-דיי. די אנדערע האבן געוואלט און ער האט

אנגעהויבן זייער פאמעלעך. און מחמת נעד פאלעס און פיטער נארטן האבן

נישט פארשטאנען די ווערטער און זיי האבן נאר אלט זאגן צוזאמען מיט

איס, האט ער געזאגט א שורה און זיי האבן אים נאכגעזאגט:

" א , גוטע פריינט - א , גוטע פריינט,

ווען איך וועל שטארבן - ווען איך וועל שטארבן

טראגט צו מיין קבר - צו מיין קבר

אונדזער פאן - אונדזער פאן."

אויפן וועג פון בית-עולם , אין בצלאל בצלאלס אויטא, האט פיטער נארסון איבערגעחזרט ווערטער פון ליד וואס ער האט נאכגעזאגט ביים קבר. נאך דעם ווי מארצין באלדמאן האט אים פארטייטשט די ווערטער און געזאגט פאר אים דאס גאנצע ליד, האט פיטער נארסן זיך איינגעחזרט אפגעזונדערטע שורות. ״צום פאלק וועל איך פון קבר זינגען״, האט ער דעקלאמירט די יידישע ווערטער מיט אן ענגלישער אויסשפראך און ער האט זיך פארגענומען אז ווען ער וועט אנקומען קיין ישראל וועט ער זיך ערשטנס אויסלערנען רעדן יידיש. אבער ווען פיטער נארסון איז געקומען קיין ישראל איז ער גאר ערשטנס געגאנגען איבער די פליאזשעס פון לאנד כדי צו זען אויב ער וועט קענען רייטן מיט זיין ברעט אויף די כוואליעס פון ים. נאר דערווייל אויפן וועג פון בית-עולם איז בצלאל בצלאל פארפארן מיט זיין אויטא אין זיין פאבריק אריין און פיטער נארסון איז ארויס פון דארט אנגעטאן אין א נייעם קאמפעקציע אנצוג און די הויזן אין געשטרייפטע פאסן.

ווען דער אויפזעער פון קהל-הויז האט דערזען נארסונען אזוי

בעקליידט, האט ער זיך ארומגענומען מיט אים און איבער-
בעחזרט וואס ער האט געזאגט פון אנהויב אן, באלד ווען ער האט
געהערט אז נארטון איז פארפאלן געווארן, אז מען זאל אים נישט זוכן
צווישן די טויטע, נאר צווישן די לעבעדיקע זאל מען אים זוכן. דער
אויפזעער האט אים אויך געשענקט א בינדע, א טיכעלע , א העמד. זינט
ער איז געווויר געווארן אז פיטער נארטון איז א ייד און ער גרייט
זיך עולה זיין קיין ישראל , האט ער אים אנגעהויבן מקרב זיין און
בעהאלטן אז ער האט אים תמיד באטראכט פאר אן אייגענעם. [redacted] און ביים געזעגנען זיך האט ער אים ארומגענומען און
געקושט פיטער נארטונען אין פנים מיט נאסע ליפן.

אויך מארצין גאלדמאן האט געשענקט פיטער נארטונען אויף
זיין רייזע א מתנה- זיין בוך וועגן די געשיכטע פון וואל אין אויסטראליע.
ער האט אים אויך געפירט אויף א צוזאמענטרעף פון זיין קרייז
די גאט-זוכער. אויפן וועג אהין האט אים מארצין גאלדמאן דערציילט
ווער עס זענען די מענטשן וואס געהערן צום קרייז און וואס מען וועט

דארטן טאן. מארצין גאלדמאן האט אויך אויפן וועג אהינצו געקויפט
א פיינעם קעז-קוכן כדי נאכן צוזאמענטרעף זאל זיין מיט עפעס צו
פארבייסן. אזוי האט ער זיך אלע מאל געפירט, צו קומען אהין תמיד
מיט עפעס א בעטעמט מאכל. כאטש די אלטע מאמע פון דעם אגענט האט
מיי ווי שטענדיק צובעגרייט א קליינע סעודה זייער פיין און באטעמט.
צום ערשט האט דער אגענט אנגעהויבן יעדן צוזאמענטרעף מיט מוזיק
אויף די פיאנא כדי זיך אנצוזעצן מיט שטימונג. אלטע קירכע-מאטיוון, ווי געוויינטליך.

דער אגענט איז געווען א מאן מיט גרויס טאלאנט און אזעלכע פון קיינס
גלייכן זענען געווען מפורסם אויף דער וועלט, נאר דער אגענט האט זיך
בעהאלטן זייער עניוותדיק, פארבליבן אן אנגעשטעלטער אין א פארזיכערונגס
געזעלשאפט, פארבליבן א בחור, און געבליבן וווינען צוזאמען
מיט זיין אלטער מאמען וועלכע האט בעשטאמט פון אדעליקע לייט. לויט
מארצין גאלדמאנס אבסערוואציע איז מיגלעך געווען אז צווישן דעם
פיאניסט און דיש שרייבערין פון קרייז, א מאגערע פרוי, א
דיכטערין, איז א מאל געווען א ליבע, און די ליבע האט זיך ווייטער געפירט,
נאר דערווייל איז נאך גארנישט געווען דערקענט. די לידער וואס די
מאגערע פרוי האט געשריבן זענען תמיד געווען דורכגענומען מיט מיסטעריעם
און אויפן לעצטן צוזאמענטרעף, למשל, האט זי געלייענט א ציקל לידער
וועגן דעם גייסט פון האמלעטס פאטער, ניסט דעם שפילער אין טעאטער,
נאר דעם אמתן גייסט וואס באווייזט זיך אויף דער בינע אנשטאט דעם
אקטיאר און לאזט הערן זיין קול. דאס האט דווקא געשטימט מיט דעם מאמר

וואס דער געוועזענער דעדעקטיוו האט געלייענט , א פארשונג וועגן די
פארבארגענע חושים אין מענטש. דעם אוונט, ווען גאלדמאן און נארטון
זענען געפארן אהין האט גערעגנט, זענען זיי בעזעסן
אראפצו אויבן לעצטן געזעס אינעם טראמוויי און דארט האט מארצין גאלדמאן
בערעדט צו פיטערן , און מחמת זיין טבע צו רעדן מיט די הענט , האט ער
גענעבן פיטער נארטונען צו האלטן דאס פעקל מיט די קעז-קיכנס, און אליין
האט ער אים דערקלערט וואס ער מיינט וועגן פארבארגענע חושים. מארצין
גאלדמאן האט אנגעוויזן אויף זיין אויג, אויף זיין אויער און אויף
דעם שטח אין צווישן. מיטן ווייז-פינגער און מיטן
דומם, האט ער געמאכט א קליינעם שפאן צווישן ביידע אברים און געזאגט
אז דער שטח אין צווישן איז הפקר און בלינד. אז לעולם איז
אנגענומען ביי מענטשן אז אלע חושים טרעפן זיך צוזאמען און דערפאר
קען ער מיט זייער הילף שאפן אין געדאנק א גאנץ בילד וועגן
דערוועלט, וועגן לעבן און וועגן טויט. אבער ווי איז דער דין אויב מען
זאל אננעמען אז די חושים טרעפן זיך נישט צוזאמען און צווישן זיי
זענען דא בלינדע שטחים וואס מען האט נאך נישט אויסגעפארשט און מען
ווייסט נישט וואס דארטן קומט פאר? דאס האט דער געוועזענער
דעדעקטיוו גענומען אויף זיך אויסצופארשן כדי צוריק אנטדעקן די איבעריקע
חושים וועלכע זענען פארלוירן געגאנגען אין די בלינדע שטחים פון מענטש .
פיטער נארטון האט צוגעלייגט אן אויער צו גאלדמאנס רייד. ער האט
געהאלטן דעם קיכן און געוואלט הערן נאך. מארצין גאלדמאן
האט אים געזאגט אז כדי זיך צו דערשלאגן צו די בלינדע שטחים אין מענטש

דארף מען זיך אפגעוווינען פון אייבנשאפטן און ענדערן דעם אופן פון
דענקען און פילן, מחמת דאס גאנצע דענקען אין מענטש איז א
געוווינשאפט וואס האלט אים פארשפארט אין א תפיסה און כדי אנצוקומען
צו די פארלוירענע חושים דארף מען זיך קודם באפרייען פון תפיסה.
און כדי פיטער גארסונגען זאל ווערן קלאר וואס ער מיינט האט
ער געבראכט א משל, אן אינצידענט וואס איז מיט אים אליין זיך
פארלאפן. ס'איז געווען אין ישראל, ווען ער איז איין מאל געפארן
אין דעם מדבר אויפן וועג קיין סדום. ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער
פון אויטאבוס האט מארצין גאלדמאן בעזען אויפן האריזאנט א שווארצן
פויגל. די ברייטע פליגלען האבן זיך געצויגן מיט א לייכטן שיפוע
בארג-ארויף, און ווייט אוועק אויפן ראנד, צווישן הימל און ערד
האט זיך אנגעזען דער שווארצער פויגל אין זיין פלי. דאס שיינע
בילד פון דעם איינזאמען פויגל האט אים פארשאפט פלוצעמדיקע פרייד.
נאר באלד, אין א רגע, ווי נאר דער אויטאבוס איז אנגעפארן נאענטער,
איז פון דעם פויגל געווארן א בעדואינער. גלייך האט זיך אויך
געביטן מארצין גאלדמאנס געפיל. פון פרייד איז געווארן אומעט, צער.
אן איינזאמער מענטש אין דער מידבר. דאס האט אים געבראכט טראכטן.
אן איינזאמער פויגל האט אים פארשאפט פרייד. אן איינזאמער מענטש -
צער. האט מארצין גאלדמאן פון דעם געדרינגען אז
וואס מען דארף מאן איז צוריק פארוואנדלען דעם
בעדואינער אין א פויגל. אויף דעם האט גאלדמאן געארבעט אין זיין
בעדאנק. די וועלט איז א מדבר, דער מענטש א בעדואינער, דער
בעדואינער - צוריק א פויגל.

פיטער נארטון האט בעלאזן ליגן דעם קעז קיכן אויף זיין שויס

און מיט ביידע הענט אנגעוויזן אויף זיך בופא און געזאגט אז ער איז

שוין א פויגל. אז אלע יארן איז ער געווען אליין און ער ווייסט נישט

פון קיין איינזאמקייט. חוץ אין געוויסע מאמענטן. און ער האט זיך

מתוודא געווען פאר מארצין גאלדמאנען אז בלויז נאך דעם ווי ער איז

זיך מעשה-אונן , בלויז דעמאלט שפירט ער זיך נאך איינזאם און ער

איז נאך אלץ א בעדואינער. מארצין גאלדמאן האט זיך דעמאלט צוגעבויגן

נאענטער צו פיטער נארטונען, בעקוקט שווייגנדיק, איבערפרעגנדיק אין

בעדאנק זיין פלוצימדיקע כוונה און צום סוף זיך אויך מתוודא געווען

פאר פיטער נארטונען , אז אויך ער איז זיך מעשה -אונן פון ששששש

ציים צו ציים , נאר אויף אים ווירקט עס נישט צום שלעכטן. נאר פארקערט,

נאר אויף אזוי אופן איז ער שששש מצליח און מיט א פרויען-צימער -

נישט. און ער האט זיך פארטרויט פאר פיטער נארטונען אז שוין א

אפשר א צוויי צענדליק יאר ווי ער איז נישט געשלאפן מיט קיין פרוי.

ער האט זיך שוין כמעט פון דעם אפגעוווינט אבער די תשוקה איז נישט

פארשוווּנדן אין אים. ווען ער וואלט נישט מורא געהאט אז ער וועט

ווידער ניכשל ווערן וואלט ער פון דעסטוועגן געפרוווט. ווען ער איז

געווען אין ישראל , איז איין מאל א מיידל געזעסן אויף זיין שויס,

האט ער דעמאלט געשפירט אָבער איז צוריק געווארן מאן נאר פון מורא

אז ער וועט ניכשל ווערן איז ער דעמאלט נישט דערגאנגען ביזן סוף. דאס

מיידל האט געארבעט אין א באנק און ער איז נישט געווען צו איר גלייכ-

גילטיק און ער האט זיך ארומגעטראגן מיטן בעדאנק אז ווען ער וועט

צוריק קומען קיין ישראל וועט ער זי צוריק אויפזוכן און ס׳וועט
נישט זיין אויסגעשלאסן אז זי זאל ווערן זיין באגלייטערין אין לעבן.
נאר די מורא איז אים בעשטאנען איינמיטן. דעמאלט האט אים פיטער
נארטון בעזאגט אז ער קען א מיידל וואס וועט אוועקנעמען פון אים די מורא.
ער האט אים בעזאגט אז דאס מיידל איז זייער געניט אויף דעם געביט
און אויב מארטין גאלדמאן וועט מסכים זיין וועט ער אים געמען צו איר.
בלויז איר פרייז איז בעוועזן א הויכער. מארצין גאלדמאן האט אים
בעזאגט אז דער פרייז וועט קיין מניעה נישט זיין און ער האט געוואלט
וויסן ווען עס קען געשען.

"שוין", האט פיטער נארטון בעזאגט.
"שוין", איז מארצין גאלדמאן מסכים געוועזן.
זיי זענען אראפ פון טראמוויי , בענומען א צווייטן און בעפארן
[redacted] אין דער פארשטאט ווי מייבל סימערס האט געוווינט. ס׳האט
נאך אלץ געדריבלט מיט רעגן , די גאסן זענען געוועזן נאס און די
טראמווייען זענען געווען דרייפערטל לידיק. זיי
האבן זיך ווידער פארזוקט אין אן עק פון א טראמוויי און דארט
האט פיטער נארטון דערציילט גאלדמאנען אז מייבל סימערס וווינט אין
דער געגנט וווּ דאקטאר א-דייי האט אין זיינע לעצטע טעג געגווסט אין
א בוידעם-שטיבל. טאקע דורך דאקטאר א-דייי האט פיטער נארטון זיך באקענט
מיט מייבל סימערס. פיטער גופא האט זי נישט געזען שוין עטלעכע חדשים,
ווייל זינט דאקטאר א-דייי איז קראנק געווארן, און ער האט זיך געדארפט
מיט אים מטפל זיין האט ער נישט געהאט קיין צייט קיינעם צו באזוכן.
אבער ער האט געוווּסט אז ווען מען זאל נישט קומען קען מען

זי טרעפן אין שטוב. ווייל זי איז א שטוב-זיצערין. א חוץ איין מאל
אין טאג אין די נאכמיטאג-שעהן ווען זי בייט אין קירכע אריין.
א קאטוילישע. צו דאקטאר א-דיי איז זי איין מאל בעקומען מחמת זי האט
בעהערט אז ער איז בעוועזן א מאל א דאקטאר און זי האט געוואלט ער זאל
איר העלפן מכוח א שוואנגערשאפט. דאקטאר א-דיי האט בעוואלט וויסן דעם
נאמען פון בחור און זי האט זיך בעהאלטן ביי אירס אז עס איז קיין בחור
נישט בעוועזן, אז זי איז א פרומע און זי איז קיין מאל מיט קיין מאן
נישט בעלעגן און די שוואנגערשאפט האט זיך בענומען אן איר וויסן .
אז זי אליין איז נאך א בתולה. דאס האט דאקטאר א-דיי נישט בעוואלט
הערן. ער האט שוין דעמאלט בעפרעדיקט אויף די יארדא-בענקס
און ער האט נישט בעוואלט ס'זאל דערביין צו א נייער גאט-געסיכטע.
ערהאט באזארגט מייבל סימערס מיט א דאקטאר
וואס האט אפגעשאפן די שוואנגערשאפט און זי גופא איז
פאר דאקטאר א-דיי אויף די יארדא-בענקס געווארן די שארפסטע פייל
קעגן גאט . אבער פיטער גארטון אז ער האט בעוואלט אויף אן אמת הנאה
האבן איז ער בעגאנגען צו מייבל סימערס. זיי זענען ארויף אויף עטלעכע
טרעפלעך,גלייך פון דער גאס ,און אנגעקלאפט אין דער טיר ווו מייבל
סימערס האט געוווינט. דערנעבן איז געווען א פיש-און-טשיפס געוועלב.
זיי האבן בעקלאפט אין דער טיר און קיינער האט נישט געענטפערט. זיי
האבן נאך א מאל בעקלאפט און בעווארט. נישט ווייט איז בעוועזן א גאסן-
לאמפ און דער דראבנער רעגן האט אינעם ליכט זיך געשניטן אויף ס'קאס.
א מאן איז ארויסבעקומען פון פיש-און-טשיפס-געוועלב און געוואלט

וויסן וועמען זיי זוכן. פיטער גארטון האט אים געפרעגט צי ער ווייס אויב מיס סימערס איז אין דער היים. דער מאן האט נישט געהערט פון אזא נאמען. ער האט געהויבן די אקסלען, איבערגעקערט די הענט און געוויזן אז ער ווייסט נישט פון אזא נאמען.

"מייבל", האט פיטער גארטון געזאגט.

"מייבל", האט דער גריך נאכגעזאגט און אין זיין קול איז געווען צו דערקענען אז איצט ווייסט ער וועמען מען מיינט.

"ווו איז זי?" האט פיטער געפרעגט.

" געשטארבן", האט דער גריך געענטפערט. ערנסט און טרויעריק.

אויך פיטער גארטון איז געבליבן שטיין ערנסט און שטייף. ער האט איבערגעגעבן גאלדמאנען דעם קעז-קוכן און אראפגענומען די היטל פון קאפ. א ווײלע איז ער געשטאנען און געשוויגן. נאך דעם האט ער בעלאזן די היטל אויפן נאסן ברוק און געזאגט:

"Shit."

דער גריך איז צוריק אריין אין זיין פיש-און טשיפס-געוועלב. פיטער גארטון און מארצין גאלדמאן זענען אוועק געגאנגען און די היטל איז געבליבן ליגן אויפן טראטואר. מארצין גאלדמאן האט געוואלט א גיי טאן און אויפהויבן די היטל, האט פיטער אים פארהאלטן און נישט געלאזט. זיי זענען געגאנגען שווייגנדיק. נאך א פערטל שעה האט פיטער גארטון ארויסגע-צויגן פון זיין מאנטל קעשענע נאך א היטל, ענלעך צו די ערשטע, מיט א גלאנציקן דאשעק און אנגעטאן אויפן קאפ ער זאל נישט צופיל בארעגנט ווערן.

איך האב אפגעווארט פיטער גארסאָנען ביי דער שיף. ס'איז געווען אין
א פרימארגן און פארנאכט זענען מיר אנגעקומען קיין ילון. פיטער
גארסון האט בעטראגן זיין ים-ברעט און איך זיין וואליזע. נאך
מענטשן אין הויף פון ילון זענען אונדז פארבייגעגאנגען מיט וואליזעס
אין די הענט. א מאמע האט שפאצירט מיט א קינד אויף די אקסלען
און א וואליזע אין דער האנט. א פרוי האט געשטופט א וועזיקל און
א וואליזע אין דער האנט. עטלעכע מענער האבן אונדז איבערגעיאגט
ערנסט און פארגומען מיט וואליזעס אין די הענט. ס'האט אויסגעזען
ווי ילון וואלט אוועקגעפארן אדער זיך איבערגעטראגן אויף אן אנדער
פלאץ . פיטער גארסון האט עס דער ערשטער באמערקט און איך האב נישט
געוווסט די סיבה דערפון. מיר האבן געזען ברוריהן פון דער ווייטנס,
אויך מיט א וואליזע אין דער האנט. מיר האבן זי נישט צוגערופן
ווייל איך האב געוווסט אז א סך מאל האט זי נישט קיינעם אויף איר
וועג. זי איז פארביי געגאנגען ווי נישט קיין היגע און קיינעם נישט דערקאנט.
ערשט די קליינע סימא איז אנגעקומען מיט א וואליזע און אונדז דערציילט
אז מען טיילט וואליזעס אין ילון . ביז איצט זענען וואליזעס געווען
אין שותפות און איצט וועט יעדער איינער האבן א וואליזע. זי אליין
האט קיין וואליזע נישט בעדארפן ווייל זי איז קיין מאל נישט ארויסגעפארן
פון ילון און זי האט אויך נישט געפלאנט קיין רייזעס אין דער צוקונפט
נאר אז אלע זענען געלאפן און גענומען האט זי נישט געוואלט בלייבן
קיין אויסנאם . פיטער גארסון האט זי נאכגעקוקט ווען
זי איז אוועקגעגאנגען און נאך א מאל געוואלט הערן איר נאמען. זי

האט אים דערמאָנט אין א מיידל וואס ער האט געקאנט אין אויסטראליע
און אויך זייערע נעמען זענען געווען ענלעך. יענע האט מען גערופן
סימערס. ער האט נאכגעקוקט סימא און געזאגט אז אויך מייבל סימערס
האט געהאט א ברייטערן הינטן און עטוואס געבויגענע פיס. שפעטער
אין אוונט האט ער געוואלט איך זאל אים ווייזן ווו סימא וווינט
אבער דערווייל זענען מיר בעזעסן אין זיין צימער און אויסגעפאקט
די זאכן. פיטער נארטון האט שששש געבראכט מתנות. די פלאטע פאר
ברוריה אין וועלכער ראלידער האט אריינגערעדט און שפעטער איז אונדז
אויסגעקומען צו הערן דא אפט מאל זיין קול. [illegible]
[illegible]
[illegible] אויך פאר מיר האט פיטער נארטון געבראכט
א מתנה . די באבע האט מיט אים מיטגעשיקט א גרויסע פאטאגראפיע
פון זיך און פון זיידן.ביידע זענען זיי געשטאנען און געהאלטן
צווישן זיך א בילד פון ירושלים. א סימן אז זיי בענקען קיין ישראל.
די באבע האט דורך נארטונען געבעטן איך זאל פארן קיין ירושלים,אנשיטן
צוויי זעקעלעך מיט היליקע ערד און עס איבערשיקן פאר זיי קיין
אויסטראליע. דער זיידע האט פון דעם גישט געדארפן וויסן. אבער אויך
דער זיידע האט דורך נארטונען געבעטן דאס זעלבע אָן דעם וויסן פון
באבען. מחמת דער טויט האט דורך דער צייט זיך אריינגעכאפט אין
זייערע מחשבות. אויך אין בצלאל בצלאלס שטוב האט דער טויט שוין

געלויערט, האט פיטער נארטון דערציילט. גינא בצלאל איז אויסגעגאנגען. אלע ארום איר האבן שוין געוווסט אז די צייט רוקט זיך אן און איר לעבן גייט אויס. אליין האט גינא בצלאל זיך אויפגעפירט ווי אלע מאל און נישט אויפגעהערט אויפנעמען אירע אורחים. מארצין גאלדמאן, דער יידישער אקטיאר, דער אלטער רב. זיי זענען געקומען אפטער ווי תמיד און אויך ראלידער האט געטערנט מער שעהן מיט זייער אייניקל. אויך פיטער נארטון האט פאר זיין רייזע אנגעהויבן אריינקומען אין דער רייכער שטוב אריין. ער האט געוווינט ביי דער באבען פאר זיין אפפארן. ראלידער האט בעפועלט ביי דער באבען און ביים זיידן זיי זאלן אים אריינלאזען און פיטער נארטון איז געשלאפן אינעם קליינעם צימערל ווו איך האב אמאל געהאט געוווינט ווען איך בין אנגעקומען קיין אויסטראליע. די באב איז מסכים געווען ער זאל ביי איר וווינען מיטן באדינג ער זאל נישט צעמישן אירע מילכיקע און פליישיקע כלים און ער זאל עסן דאס זעלבע וואס זי האט בעקאכט פאר ראלידערן יעדן טאג – רייז מיט באבעס. אויך איך האב געגעסן ביי איר שששששששששששששששששש דאס זעלבע צוויי יאר און זיך נוהג געווען ביים עסן אריינצוקוקן אין איר צאינה-וראינה. יארן שפעטער אז איך פלעג א מאל עפענען איר שששש סידור, שששש האט עס ארויסגעשמעקט פון די שורות מיט רייז און מיט באבעס.

פיטער נארטון האט אפגעהיטן דער באבעס כשרות און אפגעזעסן שעהן ביי די בצלאלס אין שטוב. ער איז געזעסן צוזאמען מיט גינא בצלאל און דער געוועזענער אקטיאר האט געשפילט פאר זיי טעאטער. מיט גינא צוזאמען האט ער זיך אונטערגעהערט פון איבער דער וואנט צום ניגון פון אלטן רב .

ער איז אויך געקעמן ליבן ראלידערן ווען יענער האט בעלערנט מיט בצלאלס איינזיקל עברי און פסוקים פון ביכלעך. ס'יינגעלע איז גארנישט געווען אן אמת איינזיקל נאר א שטיף-איינזיקל. זייער איינציקע טאכטער האט החתונה געהאט צום ערשטן מאל מיט אן אויסטראליער, א קאמוניסט. יענער איז געשטארבן און איר צווייטער מאן איז געווען אן איטאליענער. דער איטאליענער האט געהאט א יינגעלע פון א שפריערדיק ווייב, אן איטאליענערין. קיין אנדערע קינדער האבן זיי נישט געהאט. האבן די בצלאלס בענומען דאס יינגלע צו זיך, אים געהאדעוועט און אים געלערנט זיין א ייד. דעם איטאליענישן טאטן האט עס נישט געארט און ער איז געווען צופרידן וואס זיין יינגל האט געפונען א היים. משהלע האבן זיי אים גערופן און ווען געסט זענען געקומען האט משהלע געזאגט העברעישע פסוקים פון אויסנווייניק. בצלאל בצלאל האט געשיינט און הנאה געהאט אבער דעם אלטן רב האט עס טרויעריק געמאכט און ער האט געהאלטן אז עס איז נישט קיין נאטירליכע פרייד. אין שייכות מיט דעם האט ער אפילו איין מאל דערציילט א מעשה וועגן בעל-שם-טוב און וועגן א שטעטל יידן וואס האבן געוויינט און געיאמערט ווען מען האט ערב פסח דארט געפונען א געטויט קינד און זיי האבן מורא געהאט פאר א פאגראם, אבער זיי האבן געטאנצט און זיך געפריידט, ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס געהרגעטע יינגל איז נאר א יידיש קינד און ס'וועט קיין פאגראם נישט זיין. די מעשה איז געווען א רמז פאר בצלאל בצאלן אז זיין פרייד איז נישט קיין פרייד נאר טרויער און גלות, אבער בצלאל בצלאל האט זיך אויסגעלאכט פון דער מעשה און פון רב. ער האט ליב געהאט זיין

אייניקל געגומען אין חשבון אז ער וועט זיין זיין יורש און זיך
געפריידט
ווען דאס יינגל האט אים גערופן אויף יידיש זיידע. צו מאל
האט ער זיך אליין אוועק בעזעצט מיט אים איינחזרן א פסוק און
זייער האפנונג איז געווען אז זיי וועלן מיטנעמען זייער אייניקל
קיין ישראל און דארטן וועט ער אויפוואקסן א ייד צווישן יידן.
צוזאמען מיטן יינגעלע האט אויך פיטער נארטון זיך אויסגעלערנט דעם
אלף-בית און לייענען פסוקים אין העברעיש. אויפן וועג פון פארט צום
אויטאבוס, איבער די חיפה׳ר גאסן, האט פיטער נארטון איבער-
געלייענט דא און דארט א שילד איבער א געשעפט. אויך איצט, אין זיין
צימער , ארויסנעמענדיק די מתנות, האט ער ארויסגעצויגן א זעקעלע
פון מצה-מעל און איבערגעלייענט די גרויסע אנגעמאלטע אותיות איבערן
מגן-דוד. פיטער נארטון האט ארויסגעצויגן פון מצה-זעקעלע
א בינטל זיידענע האר-שאטקעס און א האלב טוץ
ניילאן זאקן. ס׳איז געווען נעד פאלעס מתנה פאר דער באבען נאר/
די באבע האט עס נישט געדארפן און זי האט עס איבערגעשיקט ברוריהן
קיין ישראל. די באבע האט געהאט א גרויסן אפקלייב פון אזעלכע
מצה- זעקעלעך . נאך ווען איך בין געקומען קיין אויסטראליע
און דער זיידע האט מיך געקויפט א ראוווער אויף א ליציטאציע ביי די
פאליציי כדי איך זאל פארן אויף אים צו דער ארבעט, האט מיר די
באבע געגעבן אזא זעקעלע איך זאל אריינלייגן דארט מיין
עסן און פארנדיק צו דער ארבעט עס אנהענגען אויף מיין פלייצע אזוי
ווי אלע ראוווער-פארער אין אויסטראליע האבן געטאן. יעדן אין דער

פרי זענען די גלאטיקע גאסן אין אויסטראליע געווען פול מיט ראווערן
פארער און אויף זייערע פלייצעס זענען געהאנגען די זעקעלעך מיט די גרויסע אנגעמאלטע
אותיות פון די פירמעס וואס האבן די ראווערן געמאכט: "Malvern Star"

"The Great Amazon, "Hudson River"
און צווישן זיי אויך מיין באבעס זעקעלע " כשר - לפסח".

איידער פיטער נארטון האט אפגעגעבן ברוריהן די מתנות זענען
מיר אויף צומארגנס אין דער פרי ,פארבייגייענדיק דעם קליניק ווו זי
האט געארבעט , אריינבעגאנגען איר זען. ס'איז נאך געווען פרי, פאר
די אויפגאמט -שעהן, און דער קליניק איז געווען לער. די צימערן און
די פאדלאגעס זענען נאך געווען פריש און פיכט פון רוימען און וואשן.
זי אליין איז שוין געווען אנגעטאן אין איר ווייסן שפיטאל-קלייד און
זי האט זיך מיט אונדז זייער געפריידט. זי האט אונדז
יא געהאט באמערקט פארנאכט ווען זי איז פארביי פון דער ווייטנס מיט
די וואליזע און פיטער נארטון מיט די לאנגע ים-ברעט האט אויסגעזען
אביסל משונהדיק אין אירע אויגן און באנאכט אין איר צימער האט זי
געלאכט. איך האב איר דערציילט אז צוליב די ים-ברעט זענען מיר
אנגעקומען ערשט פארנאכט קיין ילון כאטש פון דער שיף זענען מיר אראפ
אין דער פרי. ס'האט אונדז גענומען א גאנצן טאג באזוכן פלאזשיעס און
אויספרובירן די כוואליעס פון ים אויב זיי
זענען בענוג גרויס מען זאל קאנען אויף זיי רייטן. אויף איין פליאזשע,
רייטנדיק אויפן ים, איז פיטער נארטון נאך דעם געפאלן איבער א שטיין
און זיך צעקלאפט א קני. ברוריה האט אים אוועקגעזעצט אויף א שטול

אויפגעהויבן זיין פוס אויך אן אנלען און זיך מטפל געווען מיט די ווונד. דערווייל האט זי זיך אויסגעפרעגט וועגן אויסטראליע און דערציילט אז ראלידער וועט שוין קומען איינגיכן צו פארן. זי האט געהאט אירע סימנים. אינעם לעצטן בריוו האט ראלידער זיך נאכגעפרעגט וועגן די פרוכט-ביימער פון זייער גארטן וואס זיי האבן געהאט לעבן זייער פריערדיק הויז אינעם בארגיקן שטעטל, איידער זיי זענען צוריק געקומען קיין ילון. דאס הויז האבן זיי נישט פארקויפט נאר איבער געגעבן דעם קיבוץ. דער קיבוץ האט געהאט פלענער וואס צו טאן מיטן הויז אבער דערווייל איז עס געשטאנען ליידיק און דער גארטן האט געוועלקט. נאך איידער ראלידער איז אוועק געפארן קיין אויסטראליע, פלעגט ער זיך אלע מאל אראפכאפן אין שטעטל אריין און באארבעטן דעם גארטן און צוריק קומען פון דארטן פלעגט ער אין א דערשלאגן געמיט צוליב די ביימער וואס זענען אויסגעש-טארבן. ברוריה פלעגט אים אויסריידן אז ער דארף זיך וועגן דעם מער נישט איבערגעמען און אויך נישט מער זארגן נאר געדענקען אז ס'איז שוין מער נישט זיין שטוב און מער נישט זיין גארטן. אבער ראלידער האט נישט געדענקט. ער האט פארגעסן אז דער גארטן איז מער נישט זיינער. און איצט אז ער האט פון אויסטראליע געשריבן וועגן דעם האט זי געוווסט אז ער בענקט אהיים און ער וועט קומען. דאס מאל האט זי צוגעגרייט פאר אים א סופריז. אלע יארן איז ער כמעט נישט געווען מיט איר צוזאמען. צוליב אים איז זי אוועק פון ילון. צוליב אים איז זי צוריק געקומען. און אויך אין שטאט און אויך

אין ילון, האט ער זי איבערגעלאזט אליין און אוועק אין דער וועלט
אריין. דאס מאל האט זי אויסגעטראכט א פלאן און זיי וועלן שוין בלייבן
אויף תמיד צוזאמען. דעם פלאן און דעם סופריז האט זי אונדז נישט דערציילט
ווייל די טיר פון קליניק האט זיך געעפנט און ס'איז אריינגעקומען
שלמה בעלפערס אלטער טאטע. ער איז געבליבן שטיין ביי דעם אריינגאנג
און געלאזט הערן פון זיך א דין וויינענדיק קול, גארנישט זיין אייגנס.
אן איבערגעבויגענע איבער נארטונס קני, האט ברוריה א קוק געטאן צום
אריינגאנג און געזען דעם אלטן ווי ער שטייט א דערשראקענער און קלאגט
אריין אין זיין אויפגעהויבענעם אקסל, האט זי זיך אויסגעגלייכט,
איבערגעלאזט די קני, צוגעגאנגען צום אלטן, אים אנגענומען ביים
אויפגעהויבענעם אקסל, אויפגעעפנט די טיר און אים ארויסגעווארפן אין
דרויסן ארויס. זי האט פארשלאסן די טיר ער זאל נישט קאנען אריינקומען
א צווייט מאל און צוריק געקומען צו // אונדז און פארענדיקט באנדאזשירן
נארטונס קני. זי האט געשוויגן און זיך אונטערגעשטייכלט פון אויפרעגונג
און נאך דעם האט זי ווייטער דערציילט וועגן אירע פלענער. אז אזוי ווי
מען האט געזוכט אין ילון יונגע פאר-פעלקער אויף צו בויען נייע קיבוצים
ווייט אין דער מדבר אויף די גרענעצן פון לאנד, האט זי פארגעשלאגן זיך
און ראלידערן און זי האט געוווסט אז ער וועט
אויף דעם באשטיין . און דארט וועלן זיי אויף אן אמת שוין בלייבן
צוזאמען. ברוריה האט גערעדט מער צו זיך ווי צו אונדז. זי האט אוועק
געקוקט. ערשט ווען זי האט אויפגעכאפט אונדזער בליק האט זי דערשפירט
אז אירע רייד זענען געווארן איבעריק נאך דעם ווי זי האט ארויסגעווארפן

דעם אלטן אין דרויסן ארויס. דער אלטער איז שוין מער נישט געשטאנען
הינטער די טיר, האט זי בעלאכט שטילערהייט און דערציילט פארוואס זי
האט עס געטאן. דער אלטער האט זי געוואלט פארגעוואלטיקן.
[illegible] בעשיקט [illegible]
גאך איר זי זאל קומען מיטן אויסרייד אז ער פילט זיך נישט גוט, און
ווען זי איז אריינגעקומען אין זיין צימער, האט ער אראפגעלאזט די
הויזן געטאן אויף איר א שפרינג און זי געצויגן צום בעט. צום סוף
איז איר געלונגען אים בארואיקן און זי האט אים אריינגעלייגט אין בעט
אריין ער זאל שלאפן. אבער מיט דעם האט זיך עס נישט געענדיקט. ער
האט איר אנגעהויבן נאכלויפן זי זאל ווערן זיין געליבטע. אויך דעם
דאקטאר פון ילון האט ער אנגעהויבן נאכלויפן און נאכשרייען אז
אין אים ביי
ער וועט זיך נוקס זיין פאר צוכאפן אים די געליבטע. יעדן טאג,
ווען זי האט מיטבאגלייט דעם דאקטאר אויף די באזוכן צו די קראנקע,
האבן זיי ביידע געדארפן אויסמיידן דעם אלטנס צימער, כדי נישט
צו הערן זיינע קללות. ס'איז איר געווען א חרפה פארן דאקטאר.
מיר האבן געשמייכלט צו ביסלעך און דעמאלט האט דער דאקטאר פון
ילון אנגעקלאפט אין דער פארשלאסענער טיר. ברוריה האט אים אריינגעלאזט
און אים דערציילט פארוואס זי האט די טיר פארשלאסן. דער דאקטאר איז
געווען א הויכער מאן, ערנסט און פארנומען. ער האט געהאט שווערע
ליפן און שווערע ברעמען און ס'איז נישט געווען צו דערקענען אויב
ער ווייס וועגן וועמען ברוריה רעדט. זי האט אנגעגעבן סימנים
וועגן דעם אלטן, אבער דער דאקטאר האט געשאקלט מיט זיינע ברעמען,

ווייסט ווען אירע פריערדיקע חתנים, ווייל ביי שלמה בעלפערן איז געווע
פארעכנט אז ער איז ביי איר דער ערשטער און אז זי האט זיך קיין מאל
מיט קיינעם נישט געליבט. און זי האט געהאט הצלחה אין ילון. קודם
האט זי אויסגערייניקט די שטוב און דעם אלמער פון אלע לאמפן וואס
שלמה בעלפער האט אלע יארן אויסגעשנידצט. זי האט די לאמפן צעטיילט
צווישן מענטשן אין ילון און זיך איינגעשאפן פריינט. זי האט געארבעט
צוזאמען מיט איט מי די הינער און דריי מאל אין טאג זענען זיי געגאנגען
צוזאמען עסן אין חדר-האוכל. און שלמה בעלפער האט אנגעהויבן זיצן
ביים טיש באלעבאטיש-פארטראכט און געווארט מיט שטאלץ ביז דאס ווייב
האט אים צוגעטאסן א טראפן זאלץ אין דער זופ, אדער צוגעגרייט א סאלאט
פון די גרינווארגס אויפן טיש. שלמה בעלפער האט אויפגעהערט פירן
א בחוריש לעבן, און אויפגעהערט אונטערלייגן בלומען. אבער ביז עפעס
זיין חתונה איז ער געווען פארכישופט פון ברוריה. ער האט פסט זי איין
מאל געזען האלב-נאקעט און ער איז פארכישופט געווארן. ס'איז נאך
געווען מיט יארן צוריק ווען שלמה בעלפער האט געארבעט אין די סעדער
און ברוריה איז אנגעקומען קיין ילון מיטן חלום צו ווערן א טענצערין
און געלערנט אויך אנדערע טאנצן. אבער דערווייל האט זי געארבעט אין
די גארטנס. איז שלמה בעלפער אין איינעם א פרימארגן
פארקראכן צום ראנד פון סאד און זיך אוועקגעלייגט קוקן ווי ברוריה
רייסט דאס ווילד-גראז אין א מייערן-פעלד. ס'פעלד איז געווען א שמאלער
פאס ארומגערינגלט מיט סעדער און ברוריה איז געווען דארט איינע אליין,
האט זי אויסגעטאן אירע קליידער און , רייסנדיק

דאס ווילד-גראז זיך ששש אפגעבערענט אין דער גוטער זון פון אנהויב פרילינג. עטלעכע פרימארגנס שט איז שלמה בעלפער פארשווונדן געווארן פון דער ארבעט, האט עס די אנדערע טאַוואַרישטשעס פארדראסן. זיי האבן אים נאכגעשפירט, אויסגעפונען וואס ער טוט און באשלאסן זיך מיט אים אפרעכענען. פינף מענער, האבן זיי מיטגענומען א שטריק מיט דער כוונה אים צובינדן צום בוים. אבער ווען זיי שששש זענען צוגעקומען נאענט און געזען וואס שלמה בעלפער האט געזען, האבן זיי פארגעסן אין זייער כוונה, זיי האבן זיך אלע ארייגעשטופט אינעם דראבנעם שאטן פונעם עפל-בוים ביים ראנד פון סאד און געקוקט ווי שששששש ברוריה, [illegible], האט געריסן ווילד-גראז און פון מאל צו מאל זיך אויפגעשטעלט און אויפגעגאנגען אין א טאנץ פאר זיך אליין.

ארייגקומענדיק אין זיין צימער, האט פיטער גארטון זיך אוועקגעזעצט מיטן מדאזשירטן פוס אויסגעצויגן אויפן בעט און ער האט געזאגט אז ער האט שוין שששששששקט דעם טאגן געזען א מאל אין חלום. דארט, [illegible], איז עס נישט געווען אונטער אן עפל-בוים נאר זיצנדיק אויף א וואנט פון ציגל און דערשששט טאנץ-פלאץ איז אויך נישט געווען קיין מייערן-פעלד נאר אן אפענער הויף פון שטיין. אויפן שיף, אויפן ים, אויפן וועג קיין ישראל האט ער געזען דעם חלום. און ער גופא האט דארט אויך [illegible]

[illegible]

געטאנצט פאר זיך אליין און ס׳ [illegible]

האט אים נישט שששששש געקימערט וואס אויך אנדערע זענען דארט פאראן.

זיין שוועסטער, ברוריה, דאקטאר א-דיי, מייבל סימערס. סיי ווי

האט קיינער נישט געלעגט אויף אים קיין אכט מחמת יעדער איינער איז

געווען פארנומען אין טאנץ פאר זיך אליין. טאנצנדיק צוריקוועגס

האט ער דערשפירט הינטער זיך א וואנט. נישט קיין צו הויכע אבער אריבער

קוקן האט ער נישט געקענט. האט ער אויפגעהערט טאנצן און געוואלט

וויסן וואס עס טוט זיך איבער די וואנט. מען האט אים צוליב געטאן

און ער האט געזען אז די וואנט איז אייגענטלעך אן אנהויב פון א ריי

פאראדנע שטיגן וואס האבן געפירט ארויף-צו צו א מאנומענט. קיין

מאנומענט איז נישט געווען, און די שטיגן האבן אין ערגעץ נישט געפירט.

זיי האבן צוריק געשלאגן מיט א ווייסע היץ פון דער זון.

גאנץ נאענט איז געזעסן א

ליליפוט, שווער און לייביק און געשפילט אויף א פיאנא. דאס טרעפל

אויף וועלכן ער האט געהאלטן זיינע פיס איז געווען זיין פיאנא און

ער איז געזעסן איינגעבויגן מיטן קאפעלוש איבערן פנים. קיין קלאנגען

האבן זיך נישט געהערט ווייל ער האט געשפילט אויף שטיין, אבער

פיטער גארטון האט שוין געוווסט אז ער האט פריער געטאנצט לויט דעם

קארליקס מוזיק. האט ער אויסגעשריבן אז ער וויל נישט טאנצן ווייל ער

הערט נישט קיין מוזיק. האט מען אים אויך דאס מאל צוליב

געטאן. מען האט אים ארויפגעצויגן אביסל העכער און אים אוועקגעזעצט

אויף דער וואנט, דער לעצטער אין דער ריי, פון אלטע, פארוואָרלאזטע

לייט. דא און דארט האט ווער פון די לייט זיך איינגעבויגן

א קוק צו טאן בעסער אויפן ניי-געקומענעם און פיטער גארטון האט

געזען אז זייערע הענט און פיס זענען שוין אפגעשטארבן און בלויז

זייערע קעפ האבן נאך עפעס געזשיפעט. אויך ראלידער איז געווען צווישן זיי און אויך מיך האט דארט פיטער נארטון געזען זיצן. הינטער אונדזערע פלייצעס האט דער קארליק געגעבן דעם טאן, פארנט, פאר אונדז, האבן די מענטשן אויפן שטיינערנעם פלאץ געטאנצט יעדער איינער זיין טאנץ, און מיר, די אלטע פארוואָרלאָזטע לייט, אויסגעזעצט אין א ריי אויף דער וואנט פון ציגל , זענען געווען דאס קהל אויפן קאנצערט.

דעם זעלבן אוונט האבן מיר געבראכט ברוריהן די מתנות. ברוריה איז געלעגן געווען. ראלידער האט שוין געבענקט אהיים. א סך מאל האט ער עס איבערגעחזרט אין דער פלאטע אין וועלכער ער האט אריינגערעדט און ברוריה האט עס אנגעשטעלט אויפן פאטעפאן מיר זאלן עס הערן. און ער האט זיך אויך נאכגעפרעגט וועגן די ביימער פון זיין געוועזענעם גארטן. נאך א סך מאל איז אונדז אויסגעקומען צו הערן זיין קול אויפן פאטעפאן און ראלידער איז נישט אהיימגעקומען. דערווייל איז ער געווען פארנומען מטם שיקן ביל ניומאן און זיין משפחה קיין ישראל . נעד פאלעט האט גענומען ראלידערן קיין וואלהאלאה צו זען ביל ניומאן און זיין משפחה און ארומרעדן די פרטים וועגן דער רייזע. אין איינעם א נאך מיטאג זענען זיי אנגעקומען קיין וואלהאלאה און פון דער באן-סטאציע זענען זיי געגאנגען א שעה צו פוס. א ווינט און א זאמד-רעגן האט זיי אנגעיאגט אויפן וועג און ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטעטל אריין זענען זיי געווען באשפריצט מיט פייכטע פלעקן פון ברוינעם זאמד. אויך וואלהאלאה איז געשטאנען באשפריצט מיט ברוינע

טראפנס זאמד, וועגט און שויבן, ווו שויבן זענען געווען. זיי האבן זיך לאנג נישט פארהאלטן ביי נעד פאלעטן אין שטוב. נעד האט גענומען דאס פערד פון זיין ווייב״ס ווירטשאפט, געבארגט א צווייטן ביי א שכן און זיי האבן נאך דעם זעלבן פארנאכט געריטן מיט א סטעזשקע אויפן בארג ווו ביל ניומאן האט געוווינט. יארן ווי פלידער האט שוין נישט געריטן אויף א פערד, אויך נעד פאלעט דאס זעלבע, האבן זיי געריטן פאמעלעך און איינער שפּשנאכן אנדערן ווייל דאס שטעגל איז געווען צו שמאל פאר צוויי פערד אין דער ברייט. [illegible]

אונטן אין וואלהאלאה איז שוין געווען פארנאכט און ווען זיי זענען ארויף אויפן בארג איז נאך געווען טאג און די זון האט נאך ערגעץ ווו געשיינט הינטער א הימל פון ברויגלעכן זאמד. ביל ניומאן מיט זיין ווייב און דער גאנצער שבט זייערער האבן זיי אפגעווארט. נישט בלויז די הינט האבן זיך געלאזט הערן. אויך א האן האט א פאטש געטאן מיט פליגל און זיך אזועקגעשטעלט קוקן מיט אן אייגל וואס עס קומט דא פאר. א הינדיק מיט עטלעכע הינער האבן ארויסגעפאסט הענדום-פענדום פון הינטער א שטאל און זיך געיאגט אין איילעניש צום פלאץ ווו אלע האבן זיך געטראפן. אויך די פנימער פון ביל ניומאן און זיין ווייב און פון זייערע קינדער זענען געווען באשפּריצט מיט ברוינע פלעקן אבער נישט פון זאמדיקן שטורעם נאר מיט קלייען. געלע

מיט שטייפלעכע האר האבן די פלעקן קלייען נישט איבערגעלאזט

אויף זיי קיין פיצל הויט.

ראלידער איז געבליבן געכטיקן אויפן בארג כאטש קיין סך

צו רעדן איז נישט געווען. פאר ביל גיומאן איז געווען קלאר אז דאס

וואס מיט איס האט זיך פארלאפן און די מעשה מיטן בילד אין דער צייטונג

איז געווען א סימן פון גאט

עוועלין האט געוווסט אז עס איז אמת.

און איר מאן האט קיין ליגנס נישט געזאגט. ביל גיומאן האט זיך

בלויז געזארגט וועגן די רייזע הוצאות. ער האט אויסגערעכנט אז אפילו

ער זאל פארקויפן די גאנצע ווירטשאפט וועט עס נישט זיין גענוג און

ער האט אויך געצווייפלט צי עס וועט זיך געפונען ווער וואס זאל וועלן

זיך באזעצן אויף דעם איינזאמען בארג. ראלידער האט אים אויסגערעדט

פון דער זארג און צוגעזאגט אז אויב עס וועט נישט גענוג זיין, וועט

ער שוין דאגהן צו דעקן די הוצאות און אויך אין ישראל וועלן

זיי נישט האבן קיין דאגות פרנסה ווייל זיי וועלן זיך גלייך באזעצן

אין קיבוץ ילון און דארט איז דאס לעבן בשותפות און אפילו א נייע

משפחה אז זי באזעצט זיך דארט דארפן זיי וועגן פרנסה נישט זארגן.

ראלידער האט שוין וועגן זיי געשריבן קיין ילון און דארט האט מען

שוין אויף זיי געווארט.

אויף צו מארגנס האט נערן פאלעט באגלייט ראלידערן ביז צו דער באן.

אויפן וועג האט ער אים דערציילט וועגן דעם נייעם רעיון וואס איז

אים איינגעפאלן נאך דעם ווי ער האט אראפגעריסן פון בארג, און דורך

דער נאכט האט ער בעהאט גענוג צייט וועגן דעם צו טראכטן און

ער האט באשלאסן צו בלייבן אויף תמיד אין וואלהאלאה, זיך איבערבעטן מיטן ווייב, איינפירן אויף אן אמת שלום-בית און אפקויפן ביל ניומאנס ווירטשאפט אויפן בארג. ער האט אויסגערעכנט אז די פארם איז א רייכע נאר ביל ניומאן האט נישט געוווסט אז מען קאן פון איר ארויסציען שיין פרנסה . ס'איז נישט געווען קיין ספק ביי אים אז טויזנטער משפחות אויף דער וועלט וואלטן זיך אנגעכאפט אין דעם רעיון צו לעבן אויף דעם בארג ווו די לופט איז פריש א קיילאכדיק יאר און די וועלט איז שטיל און רואיק תמיד. אלע זיינע פריינט וואס ער האט איבערגעלאזט איבער לענדער און ימען, אינדיע און מצרים, יאפאן און פאקיסטאן אויף דרום-אפריקע און אויך אין עזה האט ער אין דער צייט פון דער מלחמה זיך באפריינדעט מיט אן ארעמען אראבער , אחמד עמיה סרור, האט ער געהייסן, און זיי אלע מיט אים צוזאמען וואלטן נישט קלערנדיק צופיל, איבערגעלאזט זייער צער און טרויער און זיך באזעצט אויפן בארג צו באארבעטן די ערד אין שטילקייט , אין רו.

נער מאלעט און ראלידער זענען געגאנגען לענג אויס דעם שמאלן טאל צווישן די צוויי בערג באוואקסן געדיכט מיט קוסט און בוש און דאס שטעטל וואלהאלאה איז שוין געווען הינטער זיי. גער מאלעט האט זיך ארומגעקוקט און געזען ווי שיין ס'איז דער טאל און ער האט אויסדערציילט פאר ראלידערן די צווייטע העלפט פון זיין פלאן . אז נישט אליין נאר מיט א שיתוף וועט ער אפקויפן ביל ניומאנס פארם.

מחמת פון דער פארם קענען צוויי משפחות לעבן צוזאמען פרידליך

און פריילעכער. און ער האט שוין אויך געטראכט ווער דער שיתוף זאל זיין

אנשטאט צו ברענגען וועמען פון ערגעץ ווו ווייט, וואס דאס איז נישט

אויסגעשלאסן אז מען זאל עס שפעטער טאן, האט ער פארגעלייגט ראלידערן

ער זאל ווערן דער שיתוף. און אויך אראפברענגען אהער

זיין פרוי פון ישראל. און אויב ראלידער האט נישט געהאט

קיין געלט אריינצולייגן אין שותפות , האט ער אויך דאס גענומען

אין באטראכט. ער אליין האט געהאט ליגן אביסל אפגעשפארט געלט נאך פון די

טעג ווען ער האט געארבעט אין די פארווארפענע שאף-סטאציעס און נישט

געהאט דארט ווו אויסצוגעבן דאס פארדינסט. אויך איז אים נאך געבליבן

אביסל געלט וואס ער האט אפגעשפארט ארבעטנדיק אלס מעכאניקער

אויף דער פראכט-שיף קיין יאפאן. ער זאל צונויפלייגן ביידע אפגעשפארטע

סומעס וועט עס אויסמאכן א פיינער קרן און אויב דאס אלץ וועט נישט

זיין גענוג , קאן מען נעמען הלוואות ביי דער רעגירונג. מחמת נאך

אלע יארן ארומוואנדערן אין הינטערלאנד פון אויסטראליע , איז ער

געווארן א שטיקל בוש-אדוואקאט , און ער האט געוואוסט אז די

רעגירונג איז זייער פאראינטערעסירט צו אנטוויקלען די ווילדע

שטחים און זי וועט נישט זשאלעווען אויף דעם קיין געלט אויב עס

וועט זיך נאר געפונען ווער וואס זאל עס וועלן טאן. און די הלוואות

קאן מען נעמען אויף לאנגע יארן און אויב עס מאכט זיך און עס געלונגט

צו פארוואנדלען ווילדע שטחים אין קולטיווירטע ווירטשאפט

מאכט זיך דעמאלט די רעגירונג פארגעסן אין די הלוואות
און מען דארף דאס געלט נישט צוריקגעבן. און דערפאר האט ער שוין
אויך געטראכט וואס עסטועס זיין זייער ערשטע פעולה ווען זיי וועלן
איבערנעמען די פארם. קאזעס. ביל ניומאן האט נישט געהאלטן קיין קאזעס
און דערפאר האט ער אלע יארן געלעבט אין ארעמקייט און איצט אז ער
וויל פארן קיין ישראל האט ער נישט אויף הוצאות. ווען ער וואלט
געהאלטן קאזעס וואלט ער געווארן אן עושר. און פארוואס קאזעס? צוליב
די בוש-פייערן. אלע יארן האט די אויסטראלישע רעגירונג אויסגעגעבן
מיליאנען אויף מיטלען קעגן בוש -פייערן. ארויסגעווארפן. יעדן
זומער האבן בוש און וואלד געברענט און שטאט און דארף האט געלעבט
אין פחד. צוליבן פחד פאר בוש-פייערן איז וואלתאלאה אפגעשטארבן .
איין סטאדע קאזעס , א פינף הונדערט קעפ, וואלטן אין משך פון
א חודש חרוב געמאכט דאס ארומיקע באוואקסעניש און וואלהאלאה וואלט
אויפגעלעבט. ווייל אין זומער וואלט נישט געווען וואס עס זאל ברענען. אויך אנדערע שטעט און דערפער וואלטן אויפגעלעבט. אבער נישט קיין אויסטראלישע
קאזעס. נער פאלעט האט פון זיי נישט געהאלטן. קאזעס פון ישראל,
ווען ער איז געווען אין ישראל האט ער געזען וואס די קאזעס דארטן
קענען אויפטאן. אין משך פון א וואך א חל געמאכט פון א וואלד מיט
איילבערטן. קברים זענען געבליבן נישט קיין ביימער.
צוקומענדיק צו דער סטאציע איז נער פאלעט צוגעקומען צום עיקר פון
זיין פלאן. נישט איין סטאדע קאזעס נאר א סך, סטאדעס.
א שטעטל וועט זיך וועלן באפרייען פון פייערן, וועט מען קומען מיט

די קאזעס, אויפעסן דעם בוש און זיך הייסן באצאלן. און דאס לאנד
ישראל וועט אויך דערבייי פארדינען. צושטעלן קאזעס. אויסטראליע איז
א זעקסטל פון שטטטטעטט דער וועלט און דער בוש איז גרויס. נעד
פאלעט האט ווייטער נישט געוואלט טראכטן פון דעסטוועגן האט ער איינגזינען
געהאט אז נאך דעם ווי מען וועט אוועקשטעלן די ווירטשאפט אויף א
פעסטן באדן, און עס וועט זיך מאכן אז זיי גופא וועט נמאס ווערן
צו זיצן אויפן בארג, וועט מען שטטטשטעטש איבערגעבן די פארם אין די
מג בוטע הענט פון א פריינט וואס וועט קומען אהער לעבן מיט זיין
מישפחה, און זיי גופא וועלן זיך ארויסלאזן וואנדערן אביסל איבער
דער וועלט.

איידער די באן איז אנגעקומען האט נעד פאלעט ארויסגענומען פון
זיין קעשענע א קליין ביכעלע געבונדן אין גאמא זאמש און עס געגעבן
ראלידערן א מתנה. די לידער פון אמאר-כאיאם. א געטרייער לעבנס-באגלייטער
אין צער און אין פרייד. נישט וואס ער האט זיך געזעגנט מיט ראלידערן
אויף זיך מער נישט צו זען. ער האט געגעבן ראלידערן צייט אויף איבער-
צו קלערן דעם ענין און דער אויספיר איז געווען קלאר. דערווייל האט ער
געבעטן ראלידערן ער זאל אפהיטן ביל גיומאן און זיין משפחה, נישט בלויז
שטט ביז צו דער שיף, נאר אויך דארט אין ישראל, אין קיבוץ, זאל ער
ער שרייבן אהין מען זאל אים אויפנעמען מיט א געטרייע האנט מחמת
א קיבוץ איז א גרויס צונויפגעמיש פון מענטשן, נעד פאלעט איז דארט
געווען און געזען, און מען קטקששטטטש קען דארט לייכט פארלוירן גיין

און ניסט וויסן מער ווער מען איז. און ביל ניומאן האט אלע יארן געלעבט אויפן בארג, און די וועגן פון דער גרויסער וועלט זענען אים גערוען פרעמד. ראלידער האט אים דערציילט אז דער פלאן איז זיי זאלן אלע צוריק פארן צוזאמען מיט ביל ניומאן און זיין משפחה, קיין ישראל. ער און די בצלאלס און זייער איי ניקל און אויך מארצין גאלדמאן . ער איז אריין אין דער באן און עפעס איז אפגעפארן און פאר דעם האט ער אנגעזאגט נעד פאלעטן ער זאל אהיימגיין און זאגן ביל ניומאנען אז ער וועט ניסט זיין אליין אויפן וועג קיין ישראל. אבער ס'איז נישט ארויסגעקומען ווי ראלידער האט געפלאנט.

נינא בצלאל איז געשטארבן. בצלאל [illegible] בצלאל איז נישט געפארן. אויך זייער אייניקל איז געבליבן און צוזאמען מיט זיי אויך ראלידער. מיר האבן א-בעווארט ביל ניומאן און זיין משפחה ביים פארט. מארצין [illegible] גאלדמאן איז געקומען צוזאמען מיט זיי אויף דער זעלבער שיף. ער האט זיך נישט פארהאלטן און פארפארן קיין ירושלים [illegible] צו שרייבן, ווי ער האט געפלאנט , דאס בוך וועגן מארסעל פרוסט. די קליינע סימא האט זיך אפגעגעבן מיט ביל ניומאנס משפחה. זי איז געווארן עוועלינס חברטארין. עוועלין האט געארבעט אין קיך. אלע יארן האט זי געקאכט פאר א סך עסערס און די צאל האט שוין מער נישט אויסגעמאכט. זי האט זיך אויך אויסגעלערנט רעדן יידיש אין קיך. ביל ניומאן האט געטוישט זיין נאמען. [illegible]

[illegible]

[illegible] זאב בנימין איש-חדש. אבער קיין ארט אין קיבוץ האט ער זיך נישט געפונען. גאר געוואשן כלים אין קיך צוזאמען מיט פיטער גארטון. ס'איז נישט געווען אן ארבעט פאר אים. אויפן בארג אין וואלהאלאה האט ער עס קיינמאל נישט געזען. אויך די הינער-שטייגן, קי-שטאלן , ווו מען האט אים געשיקט ארבעטן א טאג דא , טאג דארט, איז ער געווען א שיק-ייִנגל און נישט געוווסט אפילו ווער ס'איז דארט באלעבאס. אין אנהויב האט ער זיך געהאלטן נאענט מיט אונדז. אריינגעקומען צו מיר און צו נארמונען אין שטוב אריין. ער האט געשוויגן. אין זיין שווייגן האבן זיך געפלאנטערט פראגע-צייכנס. קיין סך האט ער נישט געפרעגט. נישט דער קיבוץ, נישט ישראל, נישט דער ים האבן אים צעמישט. נאר אויסטראליע. ווען ער איז אראפ פון בארג און געקומען אין שטאט.

און אנגעהויבן האט זיך עס אויף דער לעצטער
מסיבה ביי די בצלאלס אין שטוב. נינא בצלאל איז שוין געלעגן אן האפנונג
אין שפיטאל, האט זי איינגענומען א פיל זיך צו שטארקן און
זי איז אהיימגעקומען אפריכטן ווי זי האט זיך בעהאט פארגענומען, די
לעצטע מסיבה פאר זייער אפפארן קיין ישראל. נאך אין שפיטאל האט זי
ניטש געלאזן בצלאל בצלאלן אפרופן זייער נסיעה און זיך איינגעשפארט
אז די בעזעגענונגס מסיבה זאל פארקומען אין טאג וואס זיי האבן
פון פריער באשטימט און זי וועט געזונט ווערן און אז זיי וועלן אלע צוזאמען אהיימפארן אין צייט.
ביל ניומאן איז געווען דעמאלט אין שטאט צוליב די רייזע ענינים, האט
אים ראלידער מיטגענומען , אויף נעדפאלעט, אין דער רייכער שטוב אריין.
אויך דער רב איז דארט געווען און דער געוועזענער אקטיאר. שוין ביים
בעגרייטן טיש, האט נינא בצלאל אנגעזאגט אז נאכן עסן וועט מען אריינגיין
אין צווייטן סאלאן און דארט וועט ווארטן אויף זיי א טרופע פארווײילער.
אלע האבן בעזען אז זי שטארבט און גייט אויס פון דעסטוועגן איז די
רייכע סעודה אנגעגאנגען. בצלאל בצלאל האט נישט געוווסט פון א טרופע
פארווײילער . זיי זענען אין שטוב נישט געווען און ס'האט בעקענט בעשען
זיי זאלן נישט קומען אין צייט און ס'מיטל וואס נינא האט איינגענומען
איז געווען בלויז אויף עטלעכע שעה. אייגענטלעך איז זי שוין געווען
טויט און מלויז די פיל האט געלעבט אין איר . די פיל האט אויסגעהאלטן
ביזן סוף פון דער סעודה און אויך נאך דעם האט נינא בצלאל נישט
נאכגעגעבן . זי האט נישט געלאזן מען זאל זי צוריק נעמען אין

שפיטאל ארײן און זיי זענען אלע ארײנגעגאנגען אין צווייטן סאלאן
און זיך אוועקגעזעצט ווארטן מחמת די טרופע פארווײלער זענען נאך נישט
געהאט געקומען. גינא בצלאל איז ארומגעגאנגען פון פאטעל צו פאטעל,
און אלעמען אנגעריזט כדי זי זאל וויסן ווו יעדער איינער האט זיך
אויסגעזעצט און נאך דעם האט זי זיך אליין אוועקגעזעצט אויף איר
אייגענער שטול און געשמייכלט דא צו איינעם ,דא צו א צווייטן.
און מען איז געזעסן און געווארט אויף דער טרופע וואס
גינא האט באשטעלט און ווען מען האט אפגעווארט אביסל און די טרופע איז
נישט געקומען האט גינא בצלאל געזאגט אז די טרופע איז שוין דא.
אז זיי אליין, די אלע אויסגעזעצטע אין סאלאן
אויף די שטולן, זענען די טרופע וואס זי האט פארבעטן און אז איצט וועט
זיך איינער דעם אנדערן פארוויילן. און זי האט נישט געלאזן קיינעם ווארטן
און זי האט באפוילן אז מארצין גאלדמאן זאל זיין דער ערשטער עפעס צו
זינגען אדער צו זאגן. מארצין גאלדמאן האט נישט געוווסט
וואס ער דארף טאן אבער צום סוף
האט ער געפאלגט . אויך די אנדערע האבן גערעדט. דער
געוועזענער אקטיאר, און נעד פאלעט אזן ווען ס'איז געקומען צום רב,
האט ער אין אנהויב געקלאפט מיט פארמאכטע פינגער
אין עק פון טיש און זיך אונטערגעברומט א ניגון, זיך ארײנצוברומען
אין א שטימונג און דערציילן ווי די אנדערע פאר אים, א מעשה , א משל.
ווען ער האט פארענדיקט קלאפן און ברומען, האט ער אויפגעעפנט די

אויבן און אזוי ווי די אויגן אויך עטוואס די ליפן און שמייכלענדיק
צו איינעם צו אן אנדערן גרי ט געווען אנהויבן זאגן, אבער ראפטום
האבן זיך זיינע אויגן און ליפן פארמאכט און ער האט אנגעהויבן
אויפסניי ברומען און קלאפן מיט פארמאכטע פינגער אין עק פון טיש.
דער רב איז צו קיין ווארט נישט געקומען. ער האט געקלאפט און געברומט
און בינא בצלאל איז געשטארבן. אויך אויף דער לוויה איז ביל ניומאן
געווען. אויפן גרויסן בית-עולם מיט די שיינע אלעען און זייער א סך
באבליימער. און ביים אפענעם קבר האט מען מספיד געווען. לעבן ראלידערן
און נעד פאלעטן איז ער געשטאנען און זיך איינגעהערט וואס דער רב
האט גע-
זאגט. איצט האט שוין דער רב געפונען ווערטער . און דוקא איצט, שוין אין
קבר האט בינא בצלאל אויפגעלעבט פאר ביל ניומאנס אויגן. דארט אין רייכן
סאלאן האט ער זי געזען א טויטע, און איצט נאכן טויט האט זי ווידער
אויפגעלעבט אינעם לאנגן קלייד פון טונקעלען זייד, די קיים פון
זילבער אויף איר האלדז און נאך צירונג, אירע האר, בלאנד, געפארבט,
א הויכע פריזור, און אירע גרויסע טונקעלע ברילן האבן פונדעסטוועגן
פארשטעלט אביסל דעם טויט. מארצין גאלדמאן האט דארט גערעדט וועגן טויט.
אדער וועגן ניסט-טויט. ער האט נישט פארשטאנען מארצין גאלדמאנס רייד.
ער האט אויך נישט פארשטאנען וואס דער רב האט איצט גערעדט ביים קבר.
ערהאט גאר געהערט נעד פאלעטן רעדן, דארט אין רייכן סאלאן, צו
פארוויילן די טרויפע פארוויילער. נעד פאלעט האט דערציילט א מעשה וועגן
זיינס א חבר אן אויסטראליער אבארידזשיני וואס קינדווייז האט ער נאך

בעלעבט אין דער ווילדערניש. אבער דאס מזל האט אים פרי צוגעשפילט.
ער איז ארויס פון בוש אוועק אין דער וועלט און געווארן א מאלער אין
פאריז. אין איינעם א טאג האט ער זיך דערשאסן און איבערגעלאזט א בריוו
מען זאל צוריק ברענגען זיינע ביינער אין דער געגנט פון זיינע אבות.
נעד פאלעס האט געטײַנט אלע יארן אז די אבארידזשינים זענען די איינציקע
שבטים אויף דער וועלט וואס מוזן צוריק קומען לעבן אדער שטאר
אין דער היים און איצט האט ער אויסגעפונען אז אויך די
יידן זענען אזא מין שבט. ער אליין האט קיין היים נישט געהאט. די גאנצע
וועלט איז געווען זיין היים. דערווייל האט ער באשלאסן צו בלייבן אין
דער היים אויפן בארג און נאך דעם האט ער געפלאנט צו פארן אהיים אין
וויטן צפון פון אויסטראליע ווו ס'האט געלעבט א שבט מיטן נאמען
אורונדערי. דארט האט ער געהאט א חבר. יינגלווייז האט אן איטאליענישער
גלח אדאפטירט דעם אורונדערי און אים געלערנט זיין א גלח אין רוים.
אורונדערי איז געווען אן אייבערער אין וואטיקאן. דארט האט אים איין מאל
נעד פאלעס געזוכט און פארשפעטיקט. אורונדערי איז א שוין געהאט אוועק
פון דארט. ער איז שוין געהאט געקומען צוריק אהיים, אויסגעטאן די גלחישע קליידער
און אוועק א נאקעטער אפריכטן פאר אלע פארוואגלטע יארן, דעם טאנץ פון
חלום-צייט צוזאמען מיט די מענער פון זיין שבט.

ביל ניומאנס משפחה האבן זיך אויסגעטויגט אין קששש ילון. עוועלין און
אויך די קינדער. [illegible]
[illegible]
[illegible]

אבער ביל ניומאן איז ארומגעגאנגען פארטונקלט און פארטראכט. צו
פיטער נארטונען אין צימער אריין איז ער געקומען שווייגן. זיינע פראגע
צייכנס האט ער נישט אויסגעפרעגט. און אויב ער האט יא א מאל געפרעגט איז
עס בעוועזן נישט וועגן דא און נישט וועגן דארט. אזוי האט ער געוואלט
וויסן וואס עס מיינט אז נישט מיר אויף משיחן נאר אלע דורות האט משיח
געוואוארט אויף אונדז. מארצין גאלדמאן האט אויפן וועג, אויפן ים אריינגע-
רעדט אין אים רעיונות. אז עס איז געוועזן א טעות דאס ווארטן אלע דורות
אויף ביאת המשיח, מחמת משיח האט געוואוארט גאר אויף יעדן דור און אויף
יעדן איינעם פון יעדן דור באזונדער. יחידים האבן עס געוווסט, מייל
זענען טאקע צו אים דערגאנגען. ס'איז געוועזן אן ענין פון מזל און פון
וויסן. און ביל ניומאן האט געהאט דאס מזל. ס'איז געשען
אויפן בארג אין וואלהאלאה. און זיין קומען קיין ישראל איז געווען אן
אקט פון אזא מין וויסן. אויפן וועג לעבן מארצין גאלדמאנען האבן
די רייד זיך געלייגט אויפן פארשטאנד, דא אין ילון האט עס ביל ניומאן
מער נישט פארשטאנען. אין וואלהאלאה אויפן בארג איז אלץ געוועזן קלאר.
פיטער נארטון האט אים דערמאנט אין או יסטבאליע און לעבן אים האט
ער זיך בעשפירט נאענטער צום בארג. אבער פיטער נארטון איז נישט געוועזן
דער וועג וואס פירט צום בארג. ער האט געלאזן ביל ניומאנען טונקלען
אין זיין שווייגן און אליין האט ער געוואשן כלים און בעפירט א ליבע מיט
[illegible]
די קליינע סימא. פון קיך. אז איך פלעג אריין קומען אהין
[illegible]
פלעגט ער אויסשטרעקן אן ארעם מיט בלאזן פון זייף און מאכן צו מיר סימנים.

ער האט נאך אלץ געלאו
ווי א מאל ,שטילערהייט, און ער האט מיר געוואלט זאגן אז ער ווערט אויס
פויגל און פארבלייבט א בעדואינער. און אויף נאך אנדערע סימנים האט ער
געהאט פאר מיר. קלאפנדיק מיט פייכטע פינגער אין זיין שטערן האט ער
אריבערגעשריבן צו מיר אז אין זיין מוח זענען נישטא קיין
מייערן. דער סימן וועגן מייערן האט זיך גענומען פון דעם וואס מען האט
אים איין מאל ארויסגעשיקט פון די קיר רייסן ווילד-גראז אויף
א מייערן פעלד. דארט האט אים דער גערטנער אנגעוויזן אויף א ווילד-גראז וואס די
דינע נאדל-
בלעטלעך זענען ענלעך אויף א מייערן-געוויקס, אבער קיין מייערן
זענען נישטא. זיי מאכן זיך נאך מען זאל זיי לאזן וואקסן. זיי וואקסן
נאך שענער פאר די אמתע מייערן און מען מיינט אז אונטער יעדן געוויקס
איז פארשטעקט אין דער ערד א גרויסער מייער, אבער אז מען רייסט אים ארויס
זעט מען א קליין, פוכנע ווייד׳עלע. איין טאג האט פיטער גארטון געריסן
ווילד-גראז און נאך דעם איז ער צוריק געקומען וואשן -כלים און
פון דארט געמאכט צו מיר סימנים אז ער רייסט מחשבות פון
מוח, נאכגעמאכטע מייערן . דער פראנטאוווער צאן אין זיין מויל האט שוין
מער נישט געפעלט. אויפן חשבון פון ילון האט ער געלאזן זיך ארייננשטעלן
א נייעם ,ווייסן צאן, און ביים אריינגאנג אין זיין שטוב אריין, אין
דעם קליינעם פארהייזל, איבער די טיר, האט ער אויפגעהאנגען א שיף.
נאך א סימן אז ער האט נישט פארגעסן דעם ים. אן אמתע שיף,
מיט קוימענס, און פענער, און קאיוטעס און פענצטערלעך און אויבערשטע

און אונטערשטע דעקן, און אין אוונט אז מען איז געקומען צו אים, , האבן אראטגעלויכטן קליינע לעמפעלעך ארצויגן אויף די דעקן פון די שיף. שלמה בעלפער האט די שיף בעמאכט. ער האט זי אויסגעשניצט פאר פיטער נארטונען. פיטער נארטון האט נאך דעם אראפגענומען די שיף פון זיין אייבענע שטוב און עס אויפגעהאנגען איבער סימאס טיר. סימא האט אים אריינגעפירט אינעם לעבן פון ילון. איר שטוב איז געווארן זיין היים. זי האט געשטריקט פאר אים סוועטערס אויף ווינטער.אין קיך האט זי געגרייט פאר אים באטעמטע מאכלים. צום עסן האט פיטער נארטון געהאט א שיתוף. שלמה בעלפערס אלטן טאטן. א שעה פאר מיטאג, פלעגט דער אלטער זיך שוין ארומדרייען ארום חדר-האוכל, אריין אין קיך און צוריק ארויס, אפגעהיטן צי פיטער נארטון וואשט די כלים ביי די כיורן און ווי נאר די טישן זענען געווארן גרייט, איז ער געווען דער ערשטער עסער אין חדר-האוכל. ער האט אפגעהיטן זיין שטענדיק פלאץ און אפגעהיטן א שטול קעגן איבער פאר פיטער נארטונען. אז פיטער נארטון האט די כלים נישט געוואשן און צום עסן נישט געקומען איז דער אלטער געווען אומעטיק און געזעסן ביים טיש ווי א יתום און פארלוירן. ווייל דעמאלט איז אויך נישט געווען פאר אים קיין געשמאקער מיטאג. מחמת ער האט געדארפן עסן דיעטע, אן זאלץ און אן פעפער און אן קנאבל און אן אנדערע געווירצן וואס האבן דערקוויקט די נשמה . די קליינע סימא האט אפגעהיטן דעם דאקטארס פארזאג און אים נישט געגעבן וואס מען טאר נישט. אבער פיטער נארטון האט זיך געטיילט מיט אים פון זיין טעלער ארויס. די קליינע סימא האט עס געוווסט און זי פלעגט אנלייגן אין פיטער נארטונס טעלער טאפעלע פארציעס ער זאל האבן וואס צו טיילן. דער

אלטער איז געווען איינזאם און דאס עסן האט אים פארווילט. אבער צווישן
עסן און עסן האט זיך זיין א יינזאמקייט געשטארקט.צום זון אין שטוב ארייך
איז ער מער נישט געקומען. שלמה בעלפער האט אים נישט ארייגעלאזט צו זיך.
דער אלטער האט אים אפגענארט. נאך דעם ווי זיין זון האט חתונה געהאט ,
געגומען א געלערנטע פרוי און שוין מער נישט געטראכט צום פארלאזן ילון,
האט דער אלטער אים אויסגעזאגט אז ערהאט קיין מאל קיין געלט נישט
געהאט און ער דארף שוין מער נישט ווארטן אויף זיין טויט. אין אנהויב
האט ער אויסגעטראכט דאס געלט כדי דער זון זאל ווארטן אויף דער ירושה
און נישט פארלאזן ילון, און אים גופא זאל נישט אויסקומען נאך א מאל צו
וואגלען אין דער פרעמד, אבער איצט ווען ער איז געווארן זיכער מיטן זון
און מיט די היים, האט ער אים אויסגעזאגט דעם אמת כדי שלמה זאל נישט
דארפן לעבן מיט א פאלשן חשבון. שלמה בעלפער האט דעם אלטן נישט געגלייבט.
ער האט אים אויך אויפגעהערט געבן דאס קעשענע-געלט דער אלטער זאל זיך
קאנען קויפן א בינדע, א שאליקל, ווייל די פאר פונט וואס ילון האט [illegible]
האט געמיילט איז נישט געווען גענוג פאר אים. [illegible] ארויפקומענדיק צו מיר , צו די שעפטן-
שטאלן פלעגט ער זיך באקלאגן אויף דעם. אויפן איבעריקן שטיין, אויפן
נאזטיכל וואס ער האט אויסגעשפרייט, פלעגט ער זיצן און אראפקוקן איבערן
בערגל צום הייסישן בית-עולם און זיך באקלאגן אויף דער וועלט און אז די
מענטשן זענען נישט גוט צו אים, אויך כולל זיין אייגענער זון. צו מאל
פלעגט איך אים טרייסטן , אז צייטן וועלן בעסער ווערן און דער זון וועט
זיך איבערבעטן, קיין שלעכטער איז ער נישט געווען און א מאל איז ער געווען
גוט צו אים, געטרעגלט אייער און דעמאלט ווען ער האט ארויסגעצויגן אין

ילון א ‏/ טעפעלן בילעט צו מאכן א רייזע איבער איראפע, האט ער

מיטגענומען אויף דער נסיעה נישט קיין אנדערן ווי דעם אלטן טאטן זיי

זאלן זיך ביידע אנזען א וועלט. שלמה בעלפער איז דעמאלט צוריק געקומען

פון דער רייזע טאקע מלא הנאה. ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין ילון

האט מען אויך אים געמאכט א/ מסיבה און ער האט דערצעלט וועגן זיינע

רייזע איבערלעבונגען. אז אין לאנדאן האט מען געגעסן קאטלעטן און אין

פאריז האט מען געגעסן ווורשטן. אין רוים האט מען ווידער געגעסן קאטלעטן

און אין מאדריד - אקסן-פליש.

שלמה בעלפער האט דעמאלט געווונשן אלע ילונער אזעלכע

רייזעס. כ'האב דעם אלטן דערמאנט וועגן די הנאות וואס ער האט דעמאלט

געהאט, האט ער אוועק בעקוקט פון בית-עולם, געקוקט אויף מיר און געזאגט:

" דו ווייסט נישט? איך בין דאך אויף דיעטע."

איין מאל האט מען אין זיין צימער געפונען סטויגן אלטע זאכן

צעריסן און פאבצערעוועט, וואס ער האט ארויסגעשלעפט פון קליידער-מאגאזין. ווען מען

האט אים אויסגעפרעגט וועגן דעם האט ער געזאגט אז א מענטש קאן נישט

וויסן וואס מיט אים וועט געשען, האט מען אים אוועקגעפירט צו א פסיכיאטער.

דער אלטער האט זיך נישט געלאזן פירן, ער האט צוגעזאגט מער נישט צו

זאמלען קיין זאכן אבי מען זאל אים נישט פירן צו משוגעים, אבער

ברוריה האט נישט נאכגעגעבן און מען האט אים אהין אוועקגעפירט. דער אלטער

איז צוריק געקומען פון פסיכיאטער גאר אן אנדערער מענטש. אין א מוגמער

בעמים איז ער געזעסן אויפן שטיין לעבן די שעסמן-שטאלן און מיר דערציילט

וועגן דעם איידעלען מאן וואס האט אים אזוי פריינטלעך אויסגעהערט און נישט

איבערגעריסן מיט קיין ווארט. דא אין ילון איז ער ארומגעגאנגען ווי אין א לעבעדיקער תפיסה , עמיצער זאל צו אים שמייכלען אדער אויסהערן א ווארט, און יענער מאן,א פרעמדער, האט געשמייכלט און דוקא פארגעלייגט ער זאל רעדן נאך און נאך. לאנג איז דער אלטער נישט געווען אויפגעלעבט, ער האט אויסגעהאלטן א וואך אדער צוויי און נאך דעם איז ער צוריק אריינגעפאלן אין א מעלאנכאליע. ער האט געבענקט נאכן פסיכיאטער. דערפאר איז ער נאכגעלאפן ברוריהן זי זאל אים נאך א מאל שיקן צו אים. אבער ברוריה האט מער נישט געוואלט. ס'האט געקאסט צופיל געלט דעם קיבוץ. אויך דעם פרימארגן ,אין איר קליניק, ווען זי האט אים פון דארטן ארויסגעווארפן , איז ער געקומען וויינען פאר איר זי זאל אים שיקן צום פסיכיאטער. ער איז דעמאלט צו ווייט נישט אוועק. ער האט אונדז אפגע-ווארט ווען מיר זענען ארויס פון קליניק, און ער האט אנגעכאפט פיטער גארטנען ביים ארעם, און אים נישט אפגעלאזט, און זיצנדיק אויף א באנק אונטער א פאלמע-בוים, האב איך א פארטייטשט זיינע וויינענדיקע רייד. ער האט געוואלט אז פיטער גארטון זאל זיין מליץ יושר פאר אים. ער אליין, וואס האט ער שוין נישט געטאן. אפילו די הויזן זענען אים אראפגעפאלן ווען ברוריה האט איין מאל געעפנט די טיר פון זיין צימער. ס'איז אים געווען א בושה וואס זי האט אים געזען א נאקעטן , אבער געהאלפן האט עס אים נישט. ער האט געוואלט מיר זאלן פועלן ביי ברוריה און ביים דאקטער מען זאל אים שיקן אהין כאטש נאך איין מאל . ער זאל דארט זיצן אין ווייכן פאטעל און נאך א מאל זאגן וואס ער האט שוין געזאגט און אויך נאך זאכן וואס ער האט נישט דערציילט. ער האט נישט אפגעלאזט

פיטער גארטונס ארעם ביז שלמה בעלפער איז אנגעקומען. דעמאלט איז דער אלטער געווארף שטום און בלאס , ער האט זיך אויפגעהויבן פון די באנק געקלאפט מיטן שטעקן און זיך ששעק אוועקגעקאלערט. ער האט נישט צוריק געקוקט. שלמה בעלפער איז געשטאנען א בייזער און געווארט ביז ער וועט זיין מאטן נישט זען פארן אויג. אויך פון אונדז האט שלמה בעלפער אוועקגעהינקעט אן אווארט. ער האט זיך געשעמט. ס׳איז אויך געווען אין די טעג ווען ער האט זיך ששששששש געמשפט מיטן קיבוץ וועגן זיינע אנגעזאמלטע שבתים. ער האט געוואלט אפשרייבן א העלפט אויף זיין ווייבס נאמען און מען האט אים נישט געלאזט. צום ערשט האט זיך דער משא-ומתן געפירט שששש שששששששש אין דער שטיל, צווישן אים און דעם ארבעטס פארטיילער, נאך דעם אויף פארשידענע פארזאמלונגען ביז עס איז בערגאנגען אויף אן אסיפה פון גאנץ ילון. און דארט האט מען באשלאסן אז ששששע שבתים זענען א פארמעגן ווי יעדעס אנדער האב-און-גוטס, און מען קאן עס נישט אפשרייבן א צווייטן. נאר ער אליין האט געהאט שששששש אויף דעם א רעכט. האט ער זיי אנגעהויבן אויסנוצן. נאר קיין סך האט ער נישט אנגעציילט. זיך ארומגעדרייט עטלעכע טעג מיטן שבתדיקן העמד איבער די הויזן, געפארן אין שטאט אריין זען א צירק אין מיטן טאג, שששששששששששששששששששששששששששששש שששששששששששששששששששששששששששששששששש בעווארט ס׳זאל עפעס פארקומען אין הויף, א טראקטאריסט זאל פארפארן צו שנעל און שששששששש שיעור נישט איבערפארן וועמען, וועט ער אים אויסשטראפן , צוויי מענטשן זאלן זיך צעווערטלען , וועט ער צוו ישן זיי שלום-מאכן. אבער קיין טראקטאריסט איז נישט פארפארן און קיינער האט זיך נישט צעווערטלט.

אין הויף פון ילון איז געווען שטיל ווען אלע זענען געווען ביי דער ארבעט. שלמה בעלפער האט זיך געשפירט איבעריק אין די שטילע שעהן פון הויף, האט ער אויסגעטאן דאס שבתיקע העמד, צוריק אוועק צו די עופות און אין די אונטן ווידער אנגעהויבן שניצן לאמפן. צו עפעס האט ער זיך דערטראכט אין די טעג ווען ער האט נישט געארבעט. ערהאט עס אונדז שפעטער געזאגט , ווען מיר זענען געווען ביי אים אין שטוב, נאך דעם ווי ערהאט זיך פארענטפערט וואס ער איז אוועק פון אונדז א בייזער, און געוואלט איך זאך ברענגען פיטער נארטונגען צו אים אין שטוב אריין און ער וועט אויסשניצן פאר אים לאמפ. דעמאלט האט ער אונדז דערציילט וועגן זיין מחשבה אז זיינע שבתים וואס ערהאט אנגעזאמלט זענען נישט אויף פארנוצט צו ווערן ,גאר לשמה. ווי איינער וואס זאמלט , מארקעס, מטבעות אדער ספרים, אזוי אויך ער זיינע שבתים. פיטער נארטון האט דעמאלט צוגעגעבן "אויך זומער-פייגעלעך", און ס'איז שלמה בעלפער געפעלן געווארן און אזוי האט ער פון דעמאלט זיין זאמלונג גערופן. ס'האט לאנג נישט געדויערט און ער איז צוריק דערגאנגען צו זיינע הונדערט און אכציק פייגל און ערהאט אויסגעשניצט פאר פיטער נארטונגען זייער א שיינעם לאמפ. אבער פיטער נארטון האט געוואלט א שיף. און שלמה בעלפער האט עס געטאן. א פראנצויזישע שיף. אזוי האט פיטער נארטון געוואלט. די שיף מיט די צוואנציק שניידערס וואס האט אים פארפירט קיין אויסטראליע ווען ער איז געפארן זוכן אויף אן אינדזל זיין טאטנס א ווילדן שבט.

פיטער גארטון האט אויפגעהאנגען זיין שיף איבער סימאס טיר. אבער ניסט אויף שטענדיק. זיין הארץ האט אים פארפירט צו א נייע געליבטע. א דאר,ששששש חנעוודיק מיידל וועלכע איז געקומען פון אן אנדערן קיבוץ זוכן א חתן אין ילון, און דארט איז אויך געהאנגען זיין שיף. אזוי האט פיטער גארטון פאראנקערט זיין שיף אלע מאל אין אן אנדערן פארט. ניסט ביי אלעמען האט פיטער גארטונס שיף אויסגענומען.געווען אזעלכע אין ילון וואס האבן געקוקט אויף דעם קרום. אבער צו קיין סקאנדאלן איז עס ניסט דערגאנגען.מענער אין די שפריץ-בעדער האבן זיך בעחידושט וואס מיידלעך האבן ביי אים שששששש אזויגס דערזען. דערווייל מיט א שמייכל ווייל מ/ פיטער גארטון האט דערווייל פאראנקערט זיין שיף אלע מאל אין ג/// פרייע פארטן.

פארן מיידל פון באנק, שלמה בעלפערס פרוי, האט פיטער גארטון געבראכט גרוסן פון אויסטראליע. אצינד איז זי שוין געווען זיכער מיט איר מאן און זי האט זיך ניסט געשראקן צו הערן

[illegible]

[illegible] אז פראפעסאר מארצין גאלדמאן האט איר נאך אלץ אין זינען. זי האט זיך אויסגעפרעגט פרטים און זי איז אויך געפארן אים אפוואַרטן ביי דער שיף. אבער דעמאלט איז מארצין גאלדמאן פאר־פארן גלייך קיין ירושלים. א צייט שפעטער איז ער געקומען קיין ילון, זיך זען מיט אונדז, מיט ברוריה. האט אויך דעמאלט נעמי אים פארבעטן צו זיך אין שטוב אריין, ארויסגענומען פון א שופלאד א ביכל מיט ציפערן און אים געוויזן דעם מזלדיקן נומער. עטלעכע נייע אויפלאגעס זענען זינט דעמאלט דערשינען און דער מזלדיקער נומער איז נאך אלץ געווען פארצייכנט, א סימן אז קיינער האט ביז איצט נישט אפגענומען דאס גרויסע געווינס.

זי האט אים אויך געוויזן דאס פאפירל אויף וועלכן זי האט פארשריבן דעם נומער ווען מארצין גאלדמאן האט דעמאלט אין באנק איר געוואלט שענקען דאס צעטל. ביז איצט האט זי דאס אפגעהיטן און נישט אויסגעזאגט קיינעם. אצינד האט זי אלעמען דערציילט וועגן דעם מזל וואס איז איר פארביי. מארצין גאלדמאן האט דאס צעטל פארברענט. אבער די מעגלעכקייט צו באקומען דאס געווינס איז נישט פארלוירן געווארן. מיט א באשטעטיקונג פון דער באנק אז ער האט דארט דאס צעטל געקויפט און מיט דער הילף פון א גוטן

אדוואקאט איז נישט אויסגעשלאסן אז מען זאל דאס געווינס באקומען.

ווען זי האט געהערט אז מארצין גאלדמאן קומט צו פארן האט זי זיך אנגעהויבן נאכפרעגן וועגן דעם ענין . מארצין גאלדמאן האט וועגן דעם נישט געוואלט רעדן , פון דעסטוועגן איז ער מסכים געווען אז זי זאל פועלן וועגן דעם אין זיין נאמען און אויב עס וועט געלונגען וועט עס זיין העלפט אויף העלפט. לאנג האט מארצין גאלדמאן זיך ביי אונדז נישט אויפגעהאלטן. איין אוונט זענען מיר געווען מיט אים ביי ברוריהן אין שטוב. אזוי זענען מיר זעלטן געקומען צו איר. זי האט זיך געהאלטן פון דער ווייטנס און פרעמד. דאס איינע מאל, אדער צוויי מאל , ווען מיר האבן פארבייגייענדיק איר צימער געוואלט אריין גיין צו איר, פיטער נארסון און איך, האבן מיר דורכן פענצטער געזען ווי זי לייגט די קארטן אויפן טיש און זי הערט זיך איין צו ראלידערס קול אויף דער פלאטע. זי האט געשפילט און געשוויגן און ראלידער האט גערעדט צו איר. זענען מיר פארביי און נישט אריין כדי זיי ביידע נישט צו שטערן.

ראלידער איז געבליבן אין אויסטראליע. ער האט געהאלפן בצלאל בצלאלן פארן קיין ישראל. בצלאל האט זיך שוין דאס מאל געאיילט. ער האט בעזאגט ראלידערן אז מען וועט שוין דאס מאל זיך נישט שלעפן מיט א שיף. מע וועט נעמען דאס אייניקל און מען וועט פליען. דאס איזאויך געווען ניבאס לעצטער ווילן. אין איר צוואה האט זי אים אנגעזאגט ער זאל לאנג נאך איר נישט טרויערן. אהיימפארן

חתונה האבן און אויפשטעלן א נייעם דור. ער בצלאל האט זיך אויך
פארנומען מיט די צווייטע טייל פון איר צוואה, אנשרייבן א העלפט פון
זייער רייכטום פאר ראשון לציון. פאר די קינדער פון שטאט. בויען א שול
און א היים פאר ארעמע קינדער און יתומים . ער האט זיך פארבונדן מיט
זיין משפחה און מיטן שטאט-ראש פון ראשון לציון .
אין די פרטים האט ער זיך נישט בעמישט, דאס האט ער איבערגעלאזט צו זיין
אדוואקאט דא אין אויסטראליע און צו די צדדים דארט אין ישראל. ער האט
געוואלט בלויז אז ווען ער וועט אנקומען קיין ראשון לציון זאל
שוין זיין עפעס ממשות. ס'זאל שוין זיין פארטיק דער פלאן אויף צו בויען
די היים פאר די יתומים, א צענדליק ארעמע סטודענטן זאלן שוין
געניסן פון דעם קרן -פאנד וואס ער האט באשטימט פאר דער
שטאט, מען זאל זיך פרייען אין שטאט מיט זיין צוריק קומען, ס'זאל זיין
א שמחה פאר אלעמען. מיט דעם אלעמען איז ער געווען
פארנומען. פון מאל צו מאל האט ער אויך דערהאלטן א
בריוו מיט א פאטאגראפיע פון א יונגע פרוי אין ראשון לציון. וועגן דעם
האט ער מיט ראלידערן נישט גערעדט. געהאלטן דעם ענין אביסל בסוד,
פון דעסטוועגן האט זיך געמאכט אז ער האט א מאל אונטערגעלאכט ראלידער
זאל הערן און אים בעזאגט אז ער איז שוין זייער להוט נאך זיין
צוקונפט אין ישראל. דערווייל האט ער מער נישט געוווינט אין די אלע
צימערן פון זיין הויז. זיך אריינגעצויגן אין א קליינעם שלאף-חדר
פון דער דירה, אריינגעשטעלט דארט צוויי בעטן פאר זיך און
פאר אייניקל, זיך בעפארעט אין קיך און די אנדערע צימערן האט

זענען געשטאנען פארמאכט. בצלאל בצלאל איז געווארן אביסל געבויגענער און צו מאל איין אן אוונט איז ער געזעסן מיט אייניקל אין קיך און אים געלערנט זאגן קדיש.

"משהלע , מיין יתום'ל " ,האט ער אים גערופן.

משהלעס טאטע און די שטיפמאמע זענען נישט געווען אין אויסטראליע. בצלאל בצלאלס איידעם איז געווען א פריזירער ווען זיין טאכטער האט מיט אים חתונה געהאט. האט בצלאל בצלאל ,נאך דער חתונה אים אויפגעשטעלט אן אגענטור געשעפט פאר פארוקן און פערפיומען. דער איידעם איז געווען זייער א פיינער מאן, געהאט א געשטעלט און אויסגענומען ביי מענטשן . ער איז מצליח געווען אין זיין נייער פרנסה . רייך געווארן אין זיין אייגענעם זכות און געעפנט אגענטורן אין לענדער איבער ימען. אלע מאל איז ער געווען אונטערוועגנס און זיין פרוי מיט אים. דערפאר האבן די בצלאלס גענומען דאס אייניקל צו זיך אהיים, און ביים איטאליענישן טאטן איז געווען רעכט אז זיין יינגל זאל אויפוואקסן און לעבן אין ישראל און ווערן א ייד. צו מאל זענען זיי ביידע, ראלידער און בצלאל געזעסן אין קיך און פארהערט דעם יינגל ווי ער זאגט פון אויסנווייניק קדיש

"מיין יתום"ל", האט בצלאל איבערגעחזרט און דערציילט ראלידערן אז ער אליין איז אויך געווען א יתום. ווען זיין אלטער טאטע וועלכער איז געקומען קיין ארץ ישראל שטארבן אפן

דארטן חתונה געהאט צוויי מאל , איז געשטארבן , איז בצלאל געווען א

ייגגל פון א יאר צען. די מאמע האט אים דעמאלט אוועק געשיקט קיין ירושלים

צו אן עלטערן שטיף-ברודער, א בחור, א בעקער, דעם טאטנס זון פון פריערדיקן

ווייב, ער זאל זיך אויך אויסלערנען זיין א בעקער. דער ברודער האט

דעמאלט געהאט זיין אייגנס א בעטל אין א קעמערל און ער איז געשלאפן אין

דעם בייטאג און בצלאל - בנאכט. אין זעלבן הייפל איז געווען אן ארעם

יתומים-הויז פאר יינגלעך. האט בצלאל זיך פארחברט מיט די יתומים, זיי

אפגעקויפט מיט א זעמל וואס דער ברודער האט געבראכט פון דער בעקעריי,

און ביסלעכווייז זיך אריינגעווינט אין יתומים-הויז און געלעבט צוזאמען

מיט די אנדערע יינגלעך. אין אנהויב האט מען נישט באמערקט און

ערשט נאך א צייט האט מען זיך געכאפט אז עס איז צוגעקומען עפעס א יתומל

און מען האט נישט געוווסט פון וואנען. דערווייל איז דארט געווען

א פאליצע מיט ביכלעך צום לייענען און צוזאמען מיט די יתומים האט ער זיך

דארטן אויסגעלערנט שרייבן. דער לערער איז געווען א בייזער און געשלאגן

און פיינט געהאט טיפשות. איין מאל איז בצלאל אריינגעקומען מיט א טייסטער

אין דער האנט און געוויזן אז ער האט עס געפונען אין דרויסן. דער לערער

האט געעפנט דעם טייסטער און געזען אז עס איז דארט דא געלט, האט ער געלויבט

בצלאלן פאר זיין ערלעכקייט, אבער נאך דעם האט ער אים געשלאגן ווייל ער

האט זיך דערוווסט אז בצלאל האט נישט אריינגעקוקט אין טייסטער צו זען

וואס אינעווייניק איז דא.

"אז מען געפונט עפעס א זאך דארף מען א קוק טאן וואס עס איז", האט

ער געלערנט און געשלאגן.

און בצלאל האט געוויזן ראלידערן אן אונטערגעהאקטן אויער –
יענעם לערערס ארבעט.

אלע קלענער געשעפטן האט בצלאל בצלאל ליקווידירט. ווייניק מענטשן
זענען געקומען אים זען. דער אלטער רב און דער געוועזענער אקטיאר
פלעגן זיך יא ארייננכאפן צו אים אויף א ווייל. דער אלטער רב איז
געקומען פון געוווינשאפט וועגן און זיך אוועקגעזעצט
ביי זיין טיש לערנען א פרק משניות פאר ניבא בצלאלס נשמה . און אויך
איצט פלעגט ער לערנען מיט א העכערע שטימע, ווי ס'איז געווען
זיין שטייגער אין בצלאל בצאלס הויז,כדי זיין קול זאל זיך הערן קלאר
איבער די וואנט אין צווייטן צימער.

דער אקטיאר פלעגט קומען בלויז אין די אוונטן. קיין טעאטער האט
ער שוין מער נישט געשפילט און ערהאט געזאגט אז ער האט עס אויפגעגעבן
אויף שטענדיק. נאך ניבאס טויט האט ער חתונה געהאט מיט נתן אורבאכס
ווייב. נתן אורבאך דער בילעטן פארקויפער האט ביים לעבן זיך
מקמץ-געווען און אפגעשפארט א פונט צו א פונט ווייל ערהאט מורא געהאט
אז ער וועט שטארבן פאר דער צייט און איבערלאזן ווייב און קינדער אויף
הפקר. אבער נאך זיין טויט האט זיין ווייב אויפגעלעבט. געעפנט
אויפן שטאטישן מארק א שטעל פון אונטערוועש וואס האט געגעבן שען
פרנסה. גענוג אויך אויסצוהאלטן איר נייעם מאן, דעם
אקטיאר. ער פלעגט קומען אליין בצלאלס אין די אוונטן און ער האט
אפט בערעדט וועגן זיין ווייבס פרנסה. ער פלעגט אויך בעטן ביי בצלאלן
א טובה אין שייכות מיטן געשעפט און בצלאל האט עס געטאן.

אים געהאלפן עפענען א טיר צו א גרויסן פאבריקאנט און אויך אונטער-
געשריבן אן התחייבות . איין מאל האט דער אקטיאר געבראכט די יידישע
וואכן צייטונג אין אויסטראליע און דערציילט ראלידערן און בצלאלן
וואס זיינס א קאלעגע, אויך א יידישער אקטיאר האט געטאן . אויך
זיין קאלעגע איז געווארן אויס אקטיאר און געווארן א פאבריקאנט. פון
טעאטער האט ער נישט געוואלט הערן אבער ער איז געווען צוגעוווינט אז
זיין נאמען זאל אלע מאל דערשיינען מיט גרויסע אותיות אין דער
צייטונג. האט ער פון מאל צו מאל אפגעקויפט א זייט אין דער יידישער
צייטונג, בעלאזן אפדרוקן א ליד פון א בארימטן פאעט און פון דער זייט
צוגעשטעלט מיט גרויסע אותיות אויף זיין אייגענעם נאמען. און דער
אקטיאר האט געוויזן די צייטונג ווו אויף רעכטס איז געווען אפגעדרוקט
א לאנג ליד : און אויף לינקס:

| | |
|---|---|
| חיים נחמן ביאליק | סעמואל ר. רובינס |
| דאס לעצטע ווארט | די לעצטע מאדעלן |

דער אקטיאר האט זיך באקלאגט אויף אזא שפלע האנדלונג און געזאגט וועגן
זיך אז ער האט שוין דעם טעאטער פארגעסן. אבער צו מאל פלעגט ער אן אוונט
ביי בצלאלן אין שטוב כאפן א קוק אויף זיין זייגער און א זאג
טאן צו זיך:

" ס׳איז שוין באלד צען. איצט וואלט זיך שוין אגבעהויבן דער צווייטער
אקט."

ראלידער האט נאך אלץ געוווינט ביי מיין באבען און זיידען. אבער אין
די אווגוסט איז ער געזעסן מ׳יי בצלאלן אין קיך. [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] דער זיידע שששש
שששששששש און די באבע זענען צו בצלאלן נישט געקומען. אין די פארנאכטן
זענען זיי געזעסן אויף זייער אייגענעם גאניק, ארויסגעקוקט שש אין גאס
אריין און זיך באקלאגט אז עס שששששששש וועט שוין באלד נישט זיין
מיט וועמען זיך צו באגריסן. ווייל די גאס איז געווארן פרעמדער. די
יידישע שכנים האבן זיך אוועק געצויגן אין די רייכע געגענטן, און פון שטאט
פרעמדע לייט, פון אנדערע לענדער האבן איבערגענומען די גאס. אויך בצלאל
בצלאל וואלט שוין מער דארט נישט געוווינט ווען ער וואלט זיך נישט געגרייט
צו דער נסיעה. , אין קיך האבן בצלאל און ראלידער געמאכט זייערע פלענער.
בצלאל האט געטראכט אז ביז ער וועט נאך א מאל חתונה האבן זאל ראלידער
אין ישראל, נעמען משהלען שששששש קיין ילון און אויב עס וועט אים
געפעלן ווערן זאל ער שוין דארטן שש בלייבן. זיי האבן אויך שששש
געפלאנט שששששששש מיט צו נעמען שששש אויפן זעלבן עראפלאן בינאס
געביין. און אזוי האבן זיי געטאן ווען ס׳איז געקומען דער טאג פון
נסיעה. דער ארון איז שוין געווען אין עראפלאן. ראלידער האט אפגעהיטן
משהלען ער זאל נישט פארלוירן ווערן אין געדראנג. א סך מענטשן שששש זענען

געקומען זיך געזעגענען מיט בצלאל בצלאלן. אויך זיין טאַטער און

דער איידעם זענען געווען. און אויך נעד פאלעט איז אראפ געקומען פון בארג לעבן

וואלהאלאה. ס'איז אים געווען א שאד וואס ראלידער

האט אים נישט געפאלגט און נישט געווארן זיין שותף. אליין מיט זיין

ווייב האט ער אפגעהיטן דעם בארג

און אויך דער עלטער איינגעשטעלט שלום-בית אין זיין שטוב.

בצלאל בצלאל איז געווען אין א געהויבענע שטימונג. דער ארון

מיט ניגא איז געווען פארדוקט אין עראפלאן נאר ער האט זיך געשטארקט און

מקבל געווען דעם פריילעכן עולם וועלכע

זענען געקומען זיך געזעגענען. ער האט זיי אלעמען געווונשן זיי זאלן

זוכה זיין צו קומען קיין ישראל און ער האט צוגעזאגט יעדן איינעם פון

זיי באזונדער אז ער וועט זיי אויפנעמען אין ראשון לציון גרויס

שמחה. אבער מיט א מאלהאט בצלאל בצאל זיך דערשפירט נישט גוט און א דאקטאר

וועלכער איז בייגעווען , האט אים באטראכט און געהייסן אים

אפפירן אין שפיטאל אריין. ער האט געהאט א הארץ-אטאק. ראלידער

און דאס איניקל זענען אויך געבליבן. אויך ניגא בצלאלס געביין. נאך

א שטיקל צייט , א וואך אדער צוויי, ווען ס'איז אים בעסער געווארן האט

בצלאל בצלאל גערעדט אין דער שטיל צו ראלידערן. ראלידער איז געזעסן

אין שפיטאל לעבן בצלאלס בעט און בצלאל האט גערעדט שטיל, אזוי ווי ניגא,

אמאל ווען זי האט געלעבט. בצלאל האט געוויינט אז דער אטאק איז געקומען

צוליב איילעניש. ער האט זיך נישט געדארפן אזוי איילן. ווען ער

וועט געזונט ווערן וועט מען פארן מיט א שיף.

און בצלאל ששלט בצלאל האט זיך אנגעהויבן שפירן בעסער. זיין טאכטער און זיין איידעס זענען צוריק אוועק געפארן איבערן ים. ראלידער איז געווען מיט בצלאל בצלאלן און מיטן אייניקל. ער איז געווען מיט אים אין ספיטאל. ווען בצלאל בצלאל האט זיך שוין געפילט גוט, איז ער פלוצלינג ששששששש שששששששששששש געשטארבן . דער דאקטאר האט בעצייגט אז גארנישט פון הארץ און אויך נישט פון דער צוקער-קראנקייט, נאר א געווענלעכע פארקילונג האט זיך אהיינגעכאפט און דאס האט געבראכט דעם סוף. ראלידער האט געבראכט קיין ישראל ביידע ארונות און אויך משהלען האט ער געבראכט מיט זיך. מיר זענען געווען ביים לופט פלאץ אין לוד ווען זיי זענען אנגעקומען. ראלידער האט פארגעשטעלט משהלען פאר ברוריהן און איר געזאגט אז ער האט אהיימגעבראכט פאר זיי א זון. ברוריה איז געווען שששששששששששששש שששששששששששש בעקליידט אין פאסאן פון די חלוצישע צייטן. און זי האט אויך אפגעשוירן אירע האר. זי האט צוגעגרייט פאר ראלידערן א יונגן קיבוץ ווו זיי וועלן זיין צוזאמען און מער וועט ער אן איר נישט אוועק אין דער ששוועלט אריין אליין. צופיל צייט האט מען זיי נישט געלאזן שטיין רואיק אויפן פלאץ. מען האט געדארפן אראפנעמען די ארונות. ס'איז געווען ווער עס זאל זיך מיט דעם פארנעמען אבער זייער א סך מענטשן זענען געקומען אפגעבן די בצלאלס זייער לעצטן כבוד. אויך פון ילון איז מען געווען. א גאנצער אויטאבוס. די בצלאלס האבן איינזינען

געהאט

דעם קיבוץ אין זייער צוואה . א היים פאר ארעמע קינדער פון שטאט. זענען אלע מיטגעפארן אויף דער לוויה פון לוד קיין ראשון לציון. דארט אין שטאט ווו די פראצעסיע איז פארביי ,זענען די גאסן געווען פול און דער פארקער איז געווען אפגעשטעלט. פלאקאטן אויף די ווענט האבן נאך פון

פריקר געהאט אנגעזאגט וועגן דער געשעעניש און געווען די תושבים אפצוגעבן כבוד א זון און א טאכטער פון דער שטאט וועלכע זענען צוריק געקומען צו ווערן איינגעזאמלט אין זייער פאלק. אויף די גרויסע פלאקאטן זענען געווען די פאטאגראפיעס פון בצלאל און נינא און די שטאט האט צוליב דעם אויסגעזען הימישער פאר די וועלכע האבן זיי געקאנט. אויך מארצין גאלדמאן איז דארט געווען. ער האט זיך ארומגעכאפט מיט ראלידערן און געווען אין א געהויבענער שטימונג. ער האט שוין מער נישט געהאט קיין בארד נאר באקן-בערד וואס ער האט געלאזן וואקסן זייער ברייט און פוכיק און אפגעפארבט אויף שווארץ. ער איז געקומען פון ירושלים ווו ער האט געוווינט און דא אויף דער לוויה האט ער זיך געהאלטן צוזאמען מיט נעמי שלמה בעלפערס ווייב. שוין א לענגערע צייט אז זיי האבן געהאט דעם שותפותדיקן ענין וועגן געווינט. דער ענין איז שוין געווען אין די הענט פון אן אדוואקאט און זיי האבן בלויז געדארפן ווארטן און אפגעבן צייט און געדולד. דאס האבן זיי ביידע געהאט. מארצין גאלדמאן האט גערעדט שנעל ווייל ס'איז געווען א לוויה און א בעדרענג און מען האט נישט געקענט רעדן וועגן איין ענין צו לאנג. אויך נעמי האט געהאט צייט. שלמה בעלפער איז געווארן דער ארבעטס -פארמיילער אין ילון און נישט אנפרעגנדיק קיינעם האט ער איר צוגעטיילט צוביסלעך זייגע שבתים זי זאל

האבן צייט צו זיצן ביי אדוואקאטן און ארויסבאקומען דאס געלט. אן
אייגן ווירטשאפט אין א שטיל דארף איז נאך אלץ געווען זיין חלום.
ס'איז נישט פארגעסן געווארן אין אים. איצט האט זיך עס אויפגעוועקט
אויפסניי. די העלפט פונעם גרויסן געווינס האט אנגעהויבן ווערן
ממשות און ער האט זיך געזען א בעלהבית פון אן אייגענע שטוב,
זיין פעלד, זיינע הינער, זיינע קי. ער איז געגאנגען דא אויף דער
לוויה לעבן נעמי און מארצין גאלדמאן און זיך געהאלטן אביסל
אפגעזונדערט, פריוואטער. ער האט די בצלאלס נישט געקאנט און בלויז
געשיקט געווארן פון ילון צו זיין אן אפיציעלער באגלייטער, האט ער
זיך נישט איבערגענומען נישט מיט די וועלכע מען האט געבראכט צו קבורה
און אויך נישט מיט די פריילעכע שטימונג פון די גאסן
איבער וועלכע די לוויה האט זיך געצויגן. אויך זיין אלטער
טאטע איז געווען דא. ער האט ליב געהאט מענטשן און גערודערס און ער איז
געקומען. אויסגעפוצט מיט אן הארטן קראגן און א שניפס און מיט
א נייעם קאפעלוש און א קאלירט פעדערל אין באנד. שלמה בעלפער האט נישט
געוווסט ווו זיין אלטער טאטע האט גענומען דאס געלט אויף צו קויפן זיך
די נייע בגדים. ער האט חושד געווען אז דער אלטער האט פארט געבראכט
געלט קיין ילון. אבער פיטער נארטונען
האט דער אלטער יא אויסגעזאגט אז ער האט אנגעהויבן אונטערהאנדלען מיט
עפעס א סחורה. ווען ער האט דערהערט אז ביים זון רויעט זיך עפעס וועגן
באקומען א גרויס געווינס האט ער ווידער אנגעהויבן מורא קריגן אז
דער זון וועט אוועק און אים וועט מען אויך משלח זיין פון ילון.

האט ער אנגעהויבן האנדלען כדי נישט צו פאלן קיינעם צו לאסט. ארויס-
געוויזן האט זיך אז ער איז געווארן א בעטלער און עטלעכע טעג אין דער א
וואך זיך אוועק געלאזט אין שטאט ארייין בעטן נדבות. פיטער נארטון האט
אים איין מאל בעפאקט. ער איז געפארן מיט זיין ברעט צום ים רייטן
אויף די כוואליעס ,האט ער שטייענדיק אין דער ריי צום אויטאבוס געזען
דעם אלטן מיט א פושקע לעבן זיך. ער איז געשטאנען באלד נאכן בילעטן -
פארקויפער כדי עמעס פון רעשט-געלט זאל
ארייינפאלן אויך צו אים אין דער פושקע. מיט פארמאכטע
אויגן איז ער געשטאנען און געמורמלט :"זיי זאלן האבן א רפואה-שלמה.
זיי זאלן האבן א רפואה-שלמה". מחמת דער זעלבער אויטאבוס איז געפארן
צום ים און צום שפיטאל . און אין זיין פושקע האבן אפגעקלינגען
מטבעות. פיטער נארטון האט אים ארייינגעשטעקט אין דער האנט אריין א
פאפירענעם פינפער פונט. זעט אויס אז ביים אלטן איז געווען אפן א
שפעלטל אויג, מחמת ער האט גלייך אויפגעהויבן זיין בליק און דערזען
פיטער נארטונען מיט זיין ים-ברעט מיט זיין געלעכטער אן א קול. אבער
דער אלטער איז נישט צעמישט געווארן. ער האט א ווינק געטאן פיטער נארטונען
ער זאל ארויס פון דער ריי, מחמת דער אויטאבוס וועט נאך
אזוי שנעל נישט אפפארן, און אים געבעטן א קליינע טובה. ער האט
זייער שטארק געדארפט משתין זיין, און אויך נישט געוואלט היזק האבן
די הכנסה , וואלט גוט געווען ווען פיטער נארטון וואלט די עטלעכע
מינוט געזאמלט פאר אים די נדבות. פיטער נארטון האט אים געפאלגט.
שפעטער האט דער אלטער אים דערציילט אז ער האנדלט בלויז צוויי טעג

אין דער וואך. איין טאג הכנסה - פאר אים. דער צווייטער - פארן פסיכיאטער.

די לוויה, ביז מען איז צוגעקומען צום בית-עולם, האט זיך געצויגן פארביי וויכטיקע מקומות, אין שטאט. א כיתה ייִנגלעך זענען נאכגעגאנגען און געזונגען קאפיטלען תהלים. ביל ניומאן איז געגאנגען צווישן די און מיטגעזונגען. מיט דער הילף פון די בצלאלס איז ער עולה געווען קיין ישראל און איצט איז ער בעקומען זיי באגלייטן דעם לעצטן וועג. מיט א תהלימל אין די הענט, און א יארמולקה, מיט אן אויסגעאפטענעם מגן-דוד, אויפן קאפ, איז ער געגאנגען און מיטגעזונגען. ער איז פרום געווארן אין ילון און זיך אויך פארלאזט א לאנגע געלע בארד.

און ער איז געווארן א בינען-ציער. זיין חבר, וואס ער האט אפגעפונען אין ילון, איז געווען א בינען-ציער און א פרומער און ערהאט אים גענומען ארבעטן ביי דעם פאך. א מאל האט זיין חבר דער בינען-ציער געארבעט אין די סעדער און ער פלעגט רעדן צו זיך אליין. נישט זיינע אייגענע ווערטער, נאר פרעמדע, אויפגעכאפטע. אז ער פלעגט אויפכאפן א פאר פריילעכע ווערטער האט ער זיי אזוי לאנג נאכגעזאגט ביז עס איז אים אליין אויך פריילעך געווארן. און אז ער פלעגט אויפכאפן טרויעריקע ווערטער איז ער געווארן טרויעריק. זיין טרויער און פרייד האבן געשטאמט פון געבארגטע ווערטער, זיין פרומקייט האט ער נישט געבארגט.

ביל ניומאן האט געהאדעוועט בינען און ער האט אויך געהאלפן זיין חבר אפהיטן דאס שולעכל אין ילון. ס'איז געווען אפגעלאזן. אלטע לייט זענען

געשטארבן און פרומע יינגעלייט זענען אין ילון נישט געווען, האבן זיי אפגעקאלעכט די ווענט מיט פרישע פארב און דארטן בײדע געדאווענט. דער בינען-ציער האט געשענקט בילן א גרויסן טלית און ביל האט אים געוויזן דעם צעפליקטן מחזור וואס ער האט אפגעפונען אין דער שול אין וואלהאלאה. מיטן מחזור זענען זיי געפארן קיין ירושלים און באקומען פאר אים א נייעם ארון-קודש אויף ראש-השנה. אבער קיין מנין צום דאווענען איז אויף יום-טוב נישט געווען. האט ביל ניומאן דערציילט זיין חבר וועגן די יידן פון די וועלדער וועלכע זענען בעקומען זיין א מנין אין זיין שול אין וואלהאלאה. האט עס זיי געגעבן דעם רעיון איינצולאדן פון ירושלים א מנין דאווענער אויף יום-טוב. אראפגעקומען זענען יינגעלייט, סטודענטן, און דאס מאל איז דאס דאווענען אין אויסגעפרישטן שולכל, צוגעווינט צום קרעכץ פון אלטע לייט, געווען באגלייט מיט א פריילעך געזאנג. בחורים און מיידלעך פון ילון האבן אריינגעקוקט דורך די פענצטער, אויסגעזוכט א יארמולקע, אויסגעזוכט א טיכל און זיך אריינגעשטעלט אינעווייניק מיטדאווענען מיט די פרומע יינגעלייט, די שיינע סטודענטן פון ירושלים.

ביל ניומאן און זיין חבר האבן נאך דעם אראפגעבראכט א קאסטן מיט מזוזות און זיי אנגעקלאפט אויף די טירן אין ילון ווו עס האט זיך נאר בעלאזט. אויך עוועלין איז געווארן פרום צוזאמען מיט איר מאן. אבער אז עס איז געקומען חג-המולד, האט זי אנגעטאן איר חתונה-קלייד פון וואלהאלאה, אויך איר ברייטן הוט מיט די געקונצלטע בלומען ארום באנד און זי איז אוועקגעפארן קיין נצרת. ביל ניומאן האט איר מיט

באגלייט, בעוואַרט אויף איר ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט אין איינעם פון די קלויסטערס און נאָך דעם זי צוריק אהיימגעפֿירט קיין ילון. אויף א פרייען פלאץ האָט זיך די לוויה פארהאַלטן און דער וואָס האָט מספּיד געווען די בצלאלס האָט געזאָגט אז אויף דעם אָרט וועט מען אויפשטעלן א קינדער-היים אויף זייער נאָמען . מיר האָבן זיך אויך פארהאַלטן און באַגלייטן דעם לוויה -פלאַקאַט. פּיטער נאַרטון האָט איצט צום ערשטן מאָל געזען ניבא בצלאל און אירע טונקעלע ברילן. אויך אן עלטערע פרוי האָט [illegible] זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויפן פלאַקאַט און גערופן ניבאס נאָמען.

"ניבאָטשקא, ניבאָטשקא," האָט זי גערופן מיט א רוסישן אַקצענט, און זי האָט גערעדט צום פלאַקאַט אז זי איז געווען א באָבע אויף ניבאס חתונה. אז עס זענען נישט געווען דאָרט אזוי [illegible] פיל געסט ווי איצט , אז ס'איז גאַרנישט צום פארגלייכן. און רופנדיק נאָך א מאָל ניבאָטשקאס נאָמען האָט זי גערעדט צו זיך: " און נאָך אלץ די זעלבע קראַסאַוויצע ווי א מאָל."

ראַלידער האָט אונדז באמערקט [illegible] פון נישט ווייט, (און ער) האָט ששש אונדז גערופן מיט א סימן פון דער האַנט. האָבן מיר איבערגעלאָזט די פרוי און דעם פלאַקאַט און זיך דורכגעשטופּט צווישן ששש אנדערע באַגלייטער ששש צום אָרט וווּ ראַלידער איז געשטאַנען מיט ברוריה און מיט בצלאלס איינִיקל. פּיטער א נאַרטון און ראַלידער האָבן זיך נאָך א מאָל שווייגנדיק געדריקט די הענט כאָטש פריער, אויפן פלי-פלאץ האָבן זיי זיך לאַנג ארומגענומען און געקושט. רעדן האָבן זיי נישט גערעדט דעמאָלט און דאָ האָבן זיי זיך יאָ געקאָנט דורכוואַרפן מיט א וואָרט . פּיטער נאַרטון

האט בעוואלט וויסן וועגן נעד פאלעט. ער האט געשריבן אז ער וועט קומען

צוזאמען מיט ראלידערן זיין אויף די לוויה פון די בצלאלס,

אבער ער איז

נישט בעקומען. נעד פאלעט איז שוין אויך נישט געווען אויפן

בארג אין וואלהאלאה. זיינע פלענער וועגן די ווירטשאפט און וועגן

פארטייבן דעם בוש זענען צונישט געווארן. די קאזעס האבן דעם בוש נישט

פארטיליקט. דער בוש האט פארטיליקט דעם בארג.

כדי ער זאל האבן מיט וואס צו באצאלן די חובות, האט נעד פאלעט זיך

אנגעדונגען אויף א פראכט -שיף. קיין סך פרטים האט ראלידער נישט

בעקענט דערציילן צוליבן הספד וואס האט געהילכט דורכן מיקראפאן. האט

ראלידער ארויסגעצויגן א בריוול פון א טאש און געגעבן פיטער נארטונען

ער זאל עס לייענען. נעד פאלעט האט געשריבן צו ראלידערן פון דער פראכט-

שיף. פיטער נארטון האט איבערגעלייענט אויפן קאנווערט דעם נאמען פון

קאו הסואינג״, האט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאל כדי זיך צוגעווינען

צום קלאנג פון די ווערטער. דארט אין דעם פארט האט מען אראפגענומען דעם

קאפיטאן פון די שיף, צוליב שיכרות, אזוי האט נעד פאלעט געשריבן.

דעם גאנצן וועג האט דער קאפיטאן זיך געוואלגערט א פארשיכורטער און די

מאטראזן מיט אים. נעד פאלעט איז געווען דער איינציקער ניכטערער מאטראז

אויף די שיף, ווייל ער האט זיך פארגענומען צו שפארן דאס פארדינסט,

כדי אפצוצאלן די חובות פון בארג און ס׳זאל אים בלייבן גענוג אויף

הוצאות קיין ישראל . אבער ער איז נישט געווען זיכער צי די שיף וועט

דערשוויגן קיין יאפאן. ווען ס'איז געקומען זיין שעה און ער איז אראפ צו די מאטארן האלטן וואך, האט ער נישט געטראפן דארט קיין לעבעדיק נפש. אלע זענען פעשלאפן פארשיכורט און די שיף איז זיך געשוווממען אליין אין מיטן דער נאכט אויפן ים. פיטער נארטון האט ווייטער נישט בעלייענט. אן אלטער מאן האט אונדז אפגעשטעלט און געפרעגט צי מיר פארשטייען זשארגאן. ער האט נישט געווארט אויף קיין ענטפער און געפרעגט צי מיר ווייסן ווען מיר באגלייטן צום הייליקן ארט אויף אייביקע רו. ער איז געווען זייער אן אלטער מאן און ער האט אויך איצט נישט געווארט אויף קיין ענטפער. זיינע ליפן האבן זיך באוועגט צום ערשט אן א קול ווי ער וואלט זיי פריער אויסגעפרוווט און אנגעשטעלט צום רעדן און נאך דעם האט ער א זאג געטאן:

" צאלקע צוויבל."

און איצט האט ער שוין גערעדט אן אפשטעל פארשלונגענדיק ווארט נאך ווארט, אז דאס איז געווען בצלאל בצלאלס נאמען ווען ער איז נאך געווען א בחור און ערשט ווען ער איז געווארן א לייט האט ער פארדרייט די אותיות פון זיין נאמען און זיך גערופן "ב צ ל", און ווען ער איז רייך געווארן האט ער אריינגעשטעלט אינמיטן אן אלף און געווארן א מאגנאט מיט א קלינגענדיקן נאמען. אבער צאלקע האט געשטאמט פון פראסטע לייט. ער האט גאך געדענקט זיין טאטן ווען יענער האט חתונה געהאט צום לעצטן מאל, מיט א יונגע יתומה. אן אלטער זקן מיט א הארן אויפן שטערן און א יונגע יתומה זיין כלה, זענען אלע מיידלעך און ווייבלעך פון שטאט געקומען צו לויפן צו דער חופה.

צו מאכן חוזק פון אים. האט דער אלטער פון אונטער דער חופה אויסגעשטרעקט צו זיי זיין הארן און געשריגן:

" לאכטס , לאכטס, איך וועל נאך מיט אייך אלעמען חתונה האבן."

דער הספד האט זיך פארענדיקט און די לוויה האט זיך גערירט פון ארט. קיין בנין איז נאך אויפן פרייען פלאץ נישט געווען אבער א וועג איז שוין געווען אויסגעהאקט און בריימע טרעפ פון ווייסן שטיין האבן אראפגעפירט אין א פארק אריין און פון דארטן צום בית הקברות. גייענדיק האט ראלידער זיך צוגעבויגן צו פיטער נארטונגען און האלב ווארט, האלב -סימן אים א פרעגט געטאן וועגן זיין לעבן אין ילון. פיטער נארטון האט געענטפערט מיט אן ענלעכן סימן פון ווארט און רמז. ער האט געלאכט אן א קול און א ווייז געטאן אויף דער קליינער סימא וועלכע איז געגאנגען אביסל אפגערוקט פון אונדז. אויך אויף דעם באחנטן,מארן מיידל אן א חתן, האט פיטער נארטון אנגעוויזן און אויף נאך א פרוי פון ילון. און נאך דעם האט ער אנגעוויזן אויף זיך אליין און געזאגט אז זיין שיף איז פאראנקערט און קיין חלומות זענען נישטא. נאך אויפן פלי-פלאץ ווען זיי זענען זיך ארויפגע- פאלן איינער אויפן אנדערן האט עס פיטער נארטונען א פארבענק געטאן נאך די בריימע טרעפ פון דעם קהל-הויז אין אויסטראליע, זיינע חלומות אויפן שיינעם בית-עולם און נאך דאקטאר א-דיי וואס האט אין די שבת-נעכט בעליינט פאר אים די ווערק פון דעם רוסישן גראף קראפאטקין. אז ווען דער אנארכיזם וועט קומען וועלן מענטשן

זיין פריי און נישט ארבעטן א שעה אדער צוויי אין טאג וועט זיין איבער גענוג. דערפאר האט פיטער נארטון אין די זונטיק פרימארגנס אויף די יארדא-בענקס, געפאכעט מיט דער פאן און גערופן די מענטשן צו הערן פון דאקטאר א-דיי די נביאות פון פרינץ קראפאטקין.

די לוויה פון די בצלאלס האט זיך אפגעשטעלט ביים אפענעם קבר. און משהלע זייער אייניקל האט געזאגט קדיש. ער האט געקאנט דעם קדיש פון אויסנווייניק און ער האט נישט געדארפן מען זאל אים העלפן: "יתגדל ויתקדש שמה רבא".

ארום אים איז געווארן שטיל. פיטער נארטון האט זיך א בויג געטאן צו זאגן עפעס ראלידערן און ברוריה האט אים פארהאלטן. זי האט געמאכט א צייבר זאל עס אפלייגן אויף שפעטער. אז איצט וועלן זיי שוין האבן צייט צו זיין צוזאמען און צו רעדן ווי לאנג זיי וועלן וועלן. ווייל באלידער איז שוין אהיימגעקומען אויף צו בלייבן. פיטער נארטון האט איר געפאלגט און געשוויגן. ער האט געהערט בצלאלס אייניקל פארענדיקן דעם קדיש און ער האט אויך געהערט ראלידערן רעדן מיט שטומע רמזים. אז ער איז נאך נישט געקומען אויף צו בלייבן. ער האט נאך זיין שליחות נישט פארענדיקט. ברוריה לעבט אין א חלום און ראלידער איז נאך אויף אן אמת נישט אהיימגעקומען.

1.6.1969 סוף